Heb. Eg 247
Me'irzon

פערלאג פון בוכהאנדלונג ש. שרעבערק ווילנא.

# דער האמער פון לעבען

## א פיעסע אין 4 אקטען.

פון דעם בערידמטען ארטיסט



פרייז 30 קאפ.

מ. ל. מייערזאהן.

ווילנה תרס"ט
דרוק פון ה' ציונס'זאהן.

מ. ל. מייערזאהן

# דֶער הַאמֶער
# פון לֶעבֶען

א פיעסע אין 4 אקטען.

Изданіе книгоиздательство
З. Ш. Среберка Вильна.

פערלאג און אייגענטהום פון בוכהאנדלונג
ז. ש. שרעבערק ווילנא.

МОЛОТЪ ЖИЗНИ Соч. М. Л. Меерсона.

Вильна, Типографія Ціонсона, Портовая ул. д. 7.

# פּערזאָנען:

| | |
|---|---|
| זיגמונד ניימאַן איין אַדוואָקאַט. | 36 יאהר |
| מאַרקוס זיין ברודער אויך איין אַדוואָקאַט. | „ 28 |
| פּאַליע } זייערע שוועסטער | „ 23 |
| זינאַ } זייערע שוועסטער | „ 26 |
| רחל זייער מוטער. | „ 58 |
| ליעוואַ ביטעלמאַן זינאַס מאַן. | „ 40 |
| אַלטער לערמאַן. | „ 50 |
| יאַכנע זיין פֿרוי. | „ 44 |
| זשעניע זייער פּלעמעניציע, זינאַס [פריינדין פון גמנאַזיום]. | „ 27 |
| יאַשע לערמאַנס אַ פּלעמעניק. | „ 22 |
| פּאַשאַ אַ דינערין ביי די ניימאַנס. | |

עס האַנדעלט זיך אין אונזער צייט.

# כאַראַקטעריסטיק.

**זיגמונד נײמאַן.** אַ הײסער מענש מיט אַ האַרטען כאַראַקטער, אַמאָל וויל ער זיך אָנצינדען נאָר ער קען זיך באַלד בעהערשען און גיט זיך נור אַ קנײטש. ער איז זעהר מקרב זײַנע קרובים — נאָר אַז זײ הײבען אָן צו נודען, קען ער זײ ניט אָנקוקען. בעזיצט איין ענערגישע געשעפטס-מעסיגע נאַטור.

**מאַרקוס.** אַ שעהנער, אַ געבאַלעוועטער; שטענדיג אונצופרידען מיט זיך און מיט זײַן שיקזאַל, שטענדיג נערוועז, ער צופּט, קנײטשט אַלעס וואָס איהם קומט אונטער דער האַנד. ער פערדרײכערט אַלע מאָל אַ פּאַפּיראָס; פערציהט זיך. וואַרפט אַוועק די שוועבעלעך און די מונדשטוקען וואו עס איז. אין 4-טען אַקט איז ער ווײך און נאָבעל.

**זינאַ.** האָט שטענדיג אַזאַ פּנים אַקוראַט ווי זי איז פערוואונדערט אָדער איבערגעשראָקען. זי אַלײן טהוט גאָר נישט מיט איהר ווילען, נאָר „ווי עס טוט זיך מיט איהר", אַלײן ווײסט זי גאַר ניט וואָס צו טהון, וואָס צו זאָגען, וואָס צו דענקען. דערפאַר איז בײַ איהר דאָס פּנים שטענדיג אַז ווי שולדיג. זי האַלט אַלץ ערגעץ צו געהן, עס ווייזט אויס, אַז זי האָט זיך פערלוירען ווען זי איז געבוירען געוואָרען, זי האַלט זיך קינדיש, נאַאיוו און אין כאַראַקטער ניט שלעכט...

**פּאָליע.** רעדט ניט ווילענדיג, אַמאָל מיט אָבשײַ, שטענדיג איז זי אויף עמיצען בײז, די גאַנצע וועלט געפעהלט איהר נישט, האָט ליב זיך אַ מאָל נאַריש צו מאַכען, נאָר דאָס קומט בײַ איהר אויס אַזוי ווי אַ שגעון, אַ פערביסענע, פריהער דענקט זי, דערנאָך ענטפערט זי.

**רחל.** אין אַנצוג און אין די מאַנערען קוקט זי אויס אַ פּראָסטער מענש האָט ליעב זיסע זאַכען און גלײבט אין קאָרטען. די ערנסטע זאַך אין איהר לעבען איז די ליעבע צו מאַרקוסין. דאָ לעבט זי איבער אײן ערנסטע הערצרײַסענדע דראַמע.

**ליאָוואַ בײַטעלמאַן.** אין דער נאַטור איז ער קלוג, אַמאָל געוועזען זעהר עלעגאַנט, און יעצט איז ער אָבגעלעבט. ער ווייזט אויס אַז ער לעבט ניט אויף דער ריכטיגקייט, נאָר ער שפּיעלט אַ ראָליע פון דעם לעבען

ער איז שטענדיג פרעהליך ביי יעדע אומשטענדען, געהט אנגעטהון זומערדיג, מיט שטיוועל. שטענדיג שיכורלאך:

אַלטער לערמאַן: אַ דיקער מאַן מיט אַ געשוואָלענער נאָז, אַ נאַר, נאָר ער מ..נט אַז ער איז זעהר קלוג, און יעדעס וואָרט וואָס ער זאָגט גיט ער צו אַ בעזונדערע בעדייטונג. האָט זיך ליעב אומעדום אַריינצומישען און אומעדום מאַכט ער קאַליע אַלסדינג.

יאַכנע: אַ יודענע וואָס האָט נאָר ליעב איהר מאַן און קוקט איהם אימער אין די אויגען.

זשעניע פון אָנפאַנג פעסט און פרעהליך. מען זעהט אַז זי האָט ליעב צו אַרב..טען. רעדט אין ערשטען אַקט היים און שטאַרק ווי אַ מענש וואָס גלויבט אין זיין קראַפט. אין 2-טען אַקט קוקט זי שוין אַ ביסעל אַנדערש. אין דער סצענע מיט מאַרקוס'ן האָט זיך שוין ביי איהר אַריהר געטוהן דער קוממער פון אַ נייע לעבען. אין טאָן איז נאָך דאָ ענערגיע, נאָר אַז זי געהט אַוועק בייט זיך ביי איהר אַלעס איבער, אין 3-טען אַקט האָט זי זיך גענומען אין די הענד. זי געהט אַרום צוגעקוועטשט די צ..ן. זי האָט פאַר דער צייט אַסאַך איבערגעלעבט און האָט זיך אין די געדאַנקען צוגעבונדען צו זיגמונד'ן, אַז עס קומט אָן מאַרקוס חאַפט זי אָן אַ מורא, דען זי פיהלט, אַז עס ציהט זי אַזוי ווי מיט שטריק געגען איהר ווילען, און אין 4-טען אַקט ביז דער לעצטער מינוט קען זי זיך אַל..ן ניט גלויבען אַז זי פערליערט זיג-מונד'ן, זי וואָלט זיך געוואָלט פערטשעפען אָן עפּעס... אָן וואָס וו..סט זי אַל..ן נישט. נאָר אַז זי זאָגט איהם אַדיע דאַמאָלס רייסט זי איבער די סטרונעס.

יאַשע. גלויבט נישט אין זיך. טראַכט שטענדיג פון דעם לעבען און האָפט, אַז עס וועט עפּעס גוטעס געשעהן מיט פאַליען. אַז ער רעדט און שפיעלט זיך אין פעטשעלעך מאַכט ער דאָס מיט איין ערענסט מינע. האָט מורא פאַרן פעטער און איז שטענדיג אויפגערעגט. ער איז ניט מיאוס און געהט אַנשטענדיג געקל..דעט.

# ערשטער אקט.

(די ביהנע שטעלט פאר א רייך מעבליערט צימער. לינקס א שעהנער טיש מיט איין טישטוך. דערנעבען א דיוואן און א קרעסלא. רעכטס א טישעל מיט בענקלעך, אין דער הינטערגרונד א קושעטקע. א טיש, בענקלעך, לינקס פון זיי א שירמע. צוויי טהירען).

(רחל. וואַרפט קאַרטען. פאליע פערשטעלט די אויערן און לייענט א בוך).

רחל. איך זאָג דיר פאַליע, אַז די קאָרטען זאָגען אמת און מאַרקוס'ל וועט אי"ה געווינען דעם פּראָצעס, פאַליע, צו דיר רעד איך? האָסט געזעהן אַיין אונגליק? זיצט גאנצע טעג מיט פערשטאָפּטע אויערן און לייענט אַ בוך אַזוי ווי... אַזוי ווי... איך ווייס אַליין ניט וואָס. איך רעד צו איהר און זי הערט מיך ווי די קאַץ. פאָליע! דו הערסט וואָס איך זאָג דיר?

פאָליע. וואָס איז דאָ צו הערען? שטענדיג דאָס זעלבע. מן הסתם עפּעס פון מאַרקוס'ן.

רחל. נו יאָ. איך זאָג, אַז עס פאַלט אויס אַז מאַרקוס וועט געווינען דעם פּראָצעס.

פאָליע. וואָס פאַר אַ פּראָצעס?

רחל. וואָס פאַר אַ פּראָצעס, פרעגסט דו? נישט אומזיסט זאָגט זיגמונד, אַז דו ביסט פון הימעל אראָבגעפאַלען. דו ווייסט דען ניט אַז מאַרקוס'ל פערטיידיגט היינט דעם פּראָצעס, וואָס מען האָט בעגנב'עט די באַנק.

פאָליע. (פערטראַכט) בעגנב'ט מם...

רחל. נו יאָ! (קוקט אויף די קארטען) ווען עס זאָל פאַלען אַ דאַמע וואָלט אלסדינג גוט געווען (פויזע) פאָליע, הער, וואָס מען זאָגט צו דיר! אז זיגמונד וועט פרעגען וואו זינא איז אוועקגעגאַנגען זאָג זשע, למה"ש, זאָלסט זיך ניט אַרויסהאַפּען...

פאָליע. (פערטראַכט) מם...

רחל. קום נור אַהער, גיעב אַ קוק... אפשר האָב איך ניט גוט צולייגט די קאָרטען.

פאָליע. וואַרף עס אוועק, עס וועט אלץ איינס גאָר ניט אַרויס פון דעם.

רחל. פאַר וואָס?

פאָליע. (ווי פריהער) אזוי איז שטענדיג אין לעבען, וואַרף אַהין וואַרף אַהער, עס קומט גאָרנישט אַרויס (מען הערט אקלונג)

רחל. נאַרישקייטען! וועסט זעהן, ער וועט געווינען, לעבען זאָל ער.

נור געזונד זאל ער מיר זיין, ער רעדט אזוי גוט, בעסער אפילו פון זיגמונד'ן, האטש זיגמונד איז שוין א בעריהמטער אדוואקאט, אבער ווי קומט ער צו מארקוס'ן, יעדעסווארט איז דאך ביי איהם פערל; ווי קען גאר זיגמונד אזוי ווירקען אויף א מענשען ווי ער.

פאליע. פונדעסטוועגען געווינט זיגמונד שטענדיג און מארקוס פערשפילט; און יעצט וועט ער אויך פערשפילען.

רחל. בייס זיך אב די צונג...

(אויפטריט יאשא מיט ביכער און העפטען).

יאשא. גאט העלף אייך! איך געה ערשט פון דעם פעטער, בין איך אריין געלאפען אויף א האלבע שטונדע; באלד דארף מען לויפען.

רחל. (שטעהט אויף) וועט איהר אפשר טרינקען טהע?

יאשא. מערסי! (געהט צו צו פאליען) מיין העפליכען גרוס! (פאליע קוקענדיג אין בוך דערלאנגט איהם די האנד) היינט איז ביי מיר א שווערער... אונגעהויערער... אך פארדאן, איך שלאג אייך איבער דאס לעזען...

רחל. פאליע! מען רעדט דאך דאכט זיך צו דיר. (פאליע שטעהט אויף, דערזעהט דאס בוך, וואס יאשע האט געבראכט און קוקט דורך) זי קען זיך ניט אב־רייסען פון די ביכער. זי פוילט זיך, אפילו, די האנד צודערלאנגען.

פאליע. געוויס פויל איך זיך, עס ווערט נימאס; יעדעס מאל און יעדען מענשען מוז מען די האנד אויסשטרעקען...

רחל. איהר ווייסט, מיין מארקוס'ל פערטיידיגט היינט אין אקרוזשנאי סוד.

יאשא. (גלייכגילטיג) געבע גאטט, געבע גאטט. און איך וועל אייך אנזאגען איין אנדערע בשורה: דער פעטער האט היינט געזאגט, אז ער וועט אריינגעהן צו אייך.

רחל. זעהר שעהן.

פאליע. ס'טוהט מיר הנאה.

יאשא. פאליע האט פיינד דעם פעטער אלטערן.

פאליע. איהם אפילו נישט, נאר זיין פערשוואלענעם נאז קען איך גלייכגילטיג נישט צוזעהן. (יאשא מאכט מיט דעם פינגער און שמייכעלט)

רחל. פאליע! אוי עס איז פון איהר נישט אויסצוהאלטען (אב)

יאשא. ווילט איהר וויסען נאך אנייעס: זינעם מאן ליאווא ביי־טעלמאן איז געקומען צופאהרען און איז געוועזען ערשט ביים פעטער.

פאליע. נו, וואס געהט עס מיך אן?

יאשא. נו, און צו וואס איז ער געקומען ווייסט איהר?

פאליע. (ניט ווילענדיג) פון וואנען זאל איך וויסען?

יאשא. אפשר וועט ער איהר געבען גט אדער זיי וועלען זיך איבערבעטען און צוריק נעהמען.

פאָליע. פון מײַנעט וועגען זאָלען זײַ זיך גט'ן, זאָלען זײַ זיך איבערבעטען, ס'איז ניט מײַן זאַך?

יאַש. און פון זשעניען—איז אמת וואָס מען זאָגט?

פאָליע. און פון זשעניען האָט מען מיר שוין אויך דורכגעבויערט די אויערן מיט אַלערלײַ פּליאָטקעס... און עס איז גלײַכער פון דעם נישט צורעדען...

יאַשאַ. אויב אַזוי... פון וואָס זשע וועלען מיר רײַדען?

פאָליע. אַז עס איז נישטאָ פון וואָס צורעדען, שווײַגט מען.

יאַשאַ. (נאָך אפויזע) אָט ערשט בין איך געגאַנגען פונ'ם פּעטער אַהער נישט מעהר ווי 20 מינוט, און איך האָב אַזוי פיל איבערגעלעבט אויף דעם וועג... עס לויפען מענשען... בײַ יעדען פערזאָרגטע פּנים'ער, יעדער אײַלט זיך ערגעץ... וואָס לויפען זײַ? וואָהין אײַלען זײַ זיך? איך קוק זיך צו צו זײַ... און נור דאָס מאַכט מיך נערוועז... איך לויף אַהער, איך קום צוגעהן און איהר רעדט מיט מיר אַזוי קאַלט, איהר האָט אַפילו ניט געוואָלט געבען אַזוי ווי עס געהער צו זײַן די האַנד.

פאָליע. אָט איז מײַן האנד, נאט אײַך מײַן האנד נור ווײַנט נישט (יאשא קוועטשט איהר האנד).

יאַשאַ. פאָליע, מײַן טהײַערע פאָליע

פאָליע. אַי, וואָס טוט איהר?

יאַשא. עס טוט וועה? אַ... עס טוט וועה?

פאָליע. (רייסט ארויס איהר האנד) דאָס איז נאַריש!

יאַשא. (טרויעריג) יאַ נאַריש, נאָך נאַרישער דערפאַר וואָס מיר קענען ניט זײַן קײַן נאַראָנים (עס קומט אריין רחל).

רחל. מאַרקוס'ל איז נאָך נישטאָ? קוממו טהע טרינקען.

יאַשא. (פערטיפט אין זיינע געדאנקען) אַך, ווען מיר וואָלטען געקענט לעבען אַזוי ווי קינדער אָדער ווילדע חיות!

רחל. וואָס פאַר אַ חיות? וואָס רעדט איהר?!

יאַשא. יאָ, יאָ. נישט קלערען, נישט דענקען, ניט טראַכטען... (מען הערט קלינגען).

רחל. וואָס הײַסט נישט קלערען? מען דאַרף יאָ קלערען, אײַך שטעהט נאָך פאַר אַ גאַנץ לעבען, איהר קענט ווערען אַ מאַן און אַ פאָטער פון קינדער וואָס הײַסט נישט קלערען? (זיגמונד קומט אריין אין אַ פראַק מיט אַ פארטפעל, רחל קוקט אין טיהר צו עס געהט מארקוס).

זיגמונד. (צו פאליען און יאשען) גאָט העלף, מײַנע קינדערלעך, (בעטראכט זיי) פוי, זויערע פּנים'ער, אַקוראַט ווי בעגאָסען מיט עסיק... (גריסט זיך מיט זיי).

רחל. דו ביזט גאָר אַלײן געקומען? און וואו איז מאַרקוס'ל?

זיגמונד. (קלייבט פון פארטפעל פאפירען). ער איז ענטרונען פון מיר

אין אָקרוזשנאַי סוד. פערשוואונדען געוואָרען, ווי איין שילער וואָס קען נישט זיין וויפגאַבע און וואַרט אויף זיין שטראַפע.

רחל. וואָס— זשע ער האָט געוואונען דעם פּראָצעס?

זיגמונד. ווייס איך וואָס... פאַרשפּילט.

רחל. אוי וועה איז מיר!

פּאָליע. נו זעהסט שוין? (צו יאשען) קומט, די מאמע וועט באלד וויינען.

יאַשאַ. דער פעטער אַלטער קלייבט זיך צו אייך.

זיגמונד. אַ! דער פילאָזאָף, און מן הסתם מיט דער מומע יאַכנע...

פּאָליע. אַודאַי מיט דער געשוואָלענער נאָז, (צו יאשען) קומט שוין, איך וויל טהע טרינקען.

יאַשאַ. (ווערט געשלעפּט פון פאליען) ער וועט דאָ זיין אַרום 4 אַזייגער (אב מיט פאליען).

זיגמונד. זעהר אַנגענעהם! (נעהמט אייניגע פּאפּירען ארויס אויפ׳ן טיש נעהמט דעם פארטפעל און וויל געהן).

רחל. וואוהין געהסט דו?

זיגמונד. איך וויל אַראָבנעהמען פון זיך דעם חאָמוט... (צייגט אויף זיין פראק).

רחל. (אויפגערעגט) דערצעהל-זשע מיר פריהער פון מאַרקוסלען,

זיגמונד. איך האָב דאָך דיר שוין דערצעהלט, אַז ער האָט דעם פּראָצעס אַריינגעלעגט אין דער ערד,— און איך בין זעהר צופרידען מיט דעם.

רחל. (בייז) דו ביזט צופרידען?

זיגמונד. אונגעהער צופרידען; וועט ער וויסען דאָס אַנדערע מאָהל נישט אונטערצונעהמען זיך, צו פערטיידיגען אַזעלכע פּראָצעסען.

רחל. אַהאַ!.. ביזט בייז וואָס ער האָט גענומען דעם פּראָצעס אָן דיר; דו ווילסט נאָר, אַז אָן דיר זאָל מען זיך נישט קענען ריהרען.

זיגמונד. פאַרקעהרט, איך וואָלט זעהר געוואָלט אַז מאַרקוס זאָל שוין אַמאָהל קענען לעבען זעלבסטשטענדיג, נאָר די צערטליכע מאַמע האָט איהם פון קינדהייט אָן אַיינגעוואוינט צו פיהרען ביים הענטעלע.

רחל. איך וועל דיר זאָגען: אַז דאָס וואָס מאַרקוס׳ל נעהמט זיך צו אַזעלכע פּראָצעסען, וואָס טויגען אויף כפרות ביזט דו אַליין שולדיג אין דעם.

זיגמונד. אַזוי גאָר? איך בין שולדיג?

רחל. (הייס) יאָ, דו ביזט שולדיג, ווייל דו האָסט איהם קיין מאָהל נישט געגעבען קיין פּראַקטיקע,— און איבערהויפּט, האָסט דו נור ליעב זיך אַליין, און... דיין מיטהעלפער׳ן.

זיגמונד. איך האָב קיין מיטהעלפער'ן...

רחל. און זשעניעטשצקע... קאַרג האָסט דו דורך איהר...

זיגמונד. (שלאגט איבער) זשעניע אַרבייט ביי מיר; זי שרייבט אויף מיין רעמינגטאָן, און דאָס איז אַלעס.

רחל. ס'פאַרשטעהט זיך, אַז זי איז ביי דיר בעסער פון דיין אייגענעם ברודער, איהר גיסט דו צופעררינען, און מאַרקוס'ן גיסט דו שטענדיג איבער די ערגסטע געשעפטען.

זיגמונד. זעהר שעהן, זעהר שעהן.

רחל. נור דיר אַליין קומט אַלץ... אַקוראַט ווי ער וואָלט געוועזען, איך ווייס אַליין ניט וואָס.

זיגמונד. זעהר וואויל... זעהר וואויל... (מארקוס קומט אריין אין א פראק).

רחל. (ווארפט זיך צו מארקוס'ן) מארקוס'ל, מיין טהייערער! נעהם זיך נישט צום הארצען, (מארקוס גיט איהר אין האנד א פעקעל איין געוויקעלט אין פאפיער) וואָס איז דאָס? (שטויסט זיך אן) מיין טהייערינקער, ער האָט נישט פארגעסען, (צו זיגמונד'ן) זעהסטו ער האָט ליעב די מאמע, ביי אזעלכע אומשטענדען, און דאך... (אומארמט מארקוס'ן, ער קושט איהר האנד).

זיגמונד. דאָס איז זעהר פיין פון זיין זייט אָבער דו האָסט פארגעסען, מאמע, אז דער דאקטאָר האָט דיר פארווערט צו עסען זיסע זאכען...

רחל. שטענדיג ווארטשעסט דו, אביסעל פלוימען מעג מען, (צו מארקוס'ן) מארקוס'ל, לאז זיך ניט אב! עס מאכט זיך... א מאָהל איז נישט געלונגען... איבערהויפט אין אקרוזשנע איז דאָך שווער...

מארקוס. (מיט א קראנקע שטימע) ניין, מאמע, דאָס איז שוין מיין שיקזאל אזוי... מיר וועט קיין זאך נישט געלינגען, קיינמאָהל ניט... זיגמונד'ן געלינגט אלעס; ביי איהם איז אלעס גרינג! ער האָט אלעס... אָבער איך...

רחל. פארשטעהט זיך. ער פארשטעהט דיך נישט, אזוי ווי דער זאטער דעם הונגעריגען. (עסט פלוימען)

זיגמונד. וואָס הייסט, מיר איז געלונגען? עס געלינגט מיר אלעס, ווייל איך טראָג אויף מיינע פלייצעס די שוועריגקייטען פון דעם לעבען, דו אָבער האָסט ליעב, אז אנדערע זאָלען טראָגען, און דו זאָלסט זיך זיצען רוהיג, ביזט געווינט, אז אנדערע זאָלען דענקען אן דיר און דיך אפהיטען.

מארקוס. (אויפגערעגט) ניין, איך בין נישט געוואוינט, איך קען נישט געוואוינט ווערען, אז די אנדערע פאר זייער פארזאָרגען, זאָלען מיך פרעסען, ערנידעריגען ווייל זיי געלינגט אלעס; פאר דעם וואָס דו פערזאָרגסט מיך, נעהמסט דו ביי מיר דערנאָך די נשמה ארויס.

זיגמונד. ווי אזוי זאָל מען דיר די נשמה נישט ארויסנעהמען, אז דו האָסט אזא קליינטשינקע נשמה'לע?

מאַרקוס. זעהסט מאַמע, ווי ער שפּאָט פון מיר.

רחל. וואָס זאָל מען טהון, מאַרקוס'ל? מ'דאַרף ליידען ביז דו וועסט זיך שטעלען אויף די פיס. ביי איהם, אַברודער און נישט קיין ברודער איז אַלעס איינס! קיין מיטלייד...

זיגמונד. אַשעהנעם דאַנק אייך, הייסט עס, אַז דאָס גאַנצע לעבען וואָס איך האָרעווע פאַר אייך, האָט ביי אייך גאָר נישט קיין ווערט?

מאַרקוס. פאַר דיין האָרעוואַניע זענען מיר דיר דאַנקבאַר, נור דאָס וואָס דו פאָדערסט שטענדיג, אַז אַלע זאָלען זיין אַזעלכע ווי דו, און אויסער זיך, ווילסט דו קיינעם נישט אַנ'ערקענען...

זיגמונד. פון וואַנען נעהמסט דו דאָס? איך בין דיר נישט קיין ביישפּיעל. זאָל זיגמונד נייטאַן בלייבען זיגמונד, און מאַרקוס זאָל בלייבען מאַרקוס...

מאַרקוס. וואָס-זשע זאָל אָבער טהאָן דער מאַרקוס, אַז ער איז געבוירען אונטער אַזאַ שיקזאַל, וואָס פעראורטיילט איהם צו זיין אַנ'אומגליקליכער אין זיין גאַנצעם לעבען?

זיגמונד. וואָס מיר שיקזאַל! יעדער מענש מאַכט זיך אַליין זיין שיקזאַל, וואָס פאַר אַשיקזאַל צום ביישפּיעל, האָט דיך געצוואונגען אָנצונעהמען דעם פּראָצעס פון דעם טויגעניכטס גנב, קאַמבינען?

מאַרקוס. מיין קליענט איז נישט קיין גנב און קיין טויגעניכטס, ער איז נור איין שוואַכער מענש, און זיין שוואַכהייט האָט איהם געבראַכט צו דעם... נור איך וויים, דו ביזט קיינמאָהל נישט מוחל קיין שוואַכהייט, דו וואָלסט גיכער געדאַרפט זיין אַ פּראָקוראָר נישט קיין אַדוואָקאַט...

רחל. אָט, דאָס איז אמת.

זיגמונד. אַזוי מיינט איהר, און איך האָב נאָר דיר געוואָלט זאָגען איין זאַך: דער מענש וואָס גלויבט נישט אין זיך, האָט אין מיינע אויגען אַ פּנים ווי אַ פערפוילטער עפּעל... נישט מעהר...

מאַרקוס. (שלאגט איבער היים) אַה, דאָס איז דאָך מיין אומגליק, וואָס איך גלויב ניט אין זיך, וואָס איך חאַפּ זיך אָן אָן יעדען געשעפט וואָס קומט מיר אָהן אין די הענד; איך האָב מיך פערלוירען; איך פאַל אַלץ נידעריגער און נידעריגער אין מיינע אייגענע אויגען; דו מיינסט איך פערשטעה נישט ווי מוהטלאָז, ווי אונמעכטיג, ווי קליין איך בין...

רחל. גאָט איז מיט דיר, מאַרקוס'ל, פאַרקעהרט, דו ביזט אַ קלוגער און אַ טאַלאַנט פאָלער...

מאַרקוס. מאַמע, כ'וועל פון זינען אַראָפּ! (וויינט)

זיגמונד. (קלאפט מארקוס'ן אין פלי צע), נו, גענוג, הער אויף צו חליפען, וואס געוויין? ווען געוויין? גיב א שפיי אויף דעם פערגאנגענעם, און הייב אן פיהרען א ניי שטארק לעבען, גיב מיר דיין האנד! (גיט זיין האנד) און זאלען מיר בלייבען גוטע פריינד... אוי, אוי, ווי קאלט דיין האנד איז... ווען איך קוק אויף אייך, פאליען, אויף זינען, אויף אייך אלע, גלוסט זיך מיר, אייך אלע... אזוי ארומחאפען דריקען צו זיך... אנוהארמען אייך, אריין הויכען אין אייך קראפט, ענערגיע און לעבהאפט... (מען הערט קלינגען)

רחל. אט אזוי, אזוי איז גוט.

מארקוס. איך וויים, זיגמונד, דו ביזט א גוטהערציגער, דעסטא איז ערגער פאר מיר, און אפשר פאר דיר אויך.

זינא. (קומט אריין, געהענדיג נעמט זי פון זיך אראב דעם הוט, די גאנצע צייט מאכט זי צורעכט איהרע האר, פערלירט די שפילקעס אלע מאהל, הייבט זיי אויף און שטעקט יי צוריק אין קאפ), מאמאשא וויסט... (דערזעהט זיגמונד'ן און בלייבט שטיין ערשראקען

זיגמונד. (קוקט איהר אין פנים) פון וואנען קומסט דו דאס?

זינא. איך... (וויים ניט וואס צו זאגען).

רחל. (זאגט איהר אונטער) דו האסט דאכט זיך געוואלט געהן קויפען נאטען?

זינא. יא... איך...

זיגמונד. (געהט צו צו זינען נעהמט אן איהר האנד), גיב נור א קוק אויף מיר... יא... די אויגען פערוויינט... (זינא לאזט אראפ דעם קאפ) ביזט געוועזען ביי דיין מאן? (קוקט אויף איהר און אויף דער מוטער, זינא שווייגט) זאגט מיר, איך בעט אייך, צו וואס דארפט איהר מיך נארען?

רחל. ווער נארט דיך?

זינא. (ווארפט איהר הוט אויף א קרעסלע אין געהט צו צו מארקוס'ן און דערציהלט איהם שטיל, ער הערט זי זינלאז) איך האב איהר געזאגט, אז עס איז גליכער ניט צו געהן... חאטש ליאווא איז שוין נישט אזא טויגעניכטס, ווי דו מיינסט, א יא מארקוס? (מארקוס גיט א מאך מיט דער פלייצע)

זיגמונד. שוין וואויל ג ווארען? דער טויגעניכטס! 7 יאהר האט ער געמאטערט זינען און אונז אלע מיט זיין אויפפיהרונג און א צינד איז ער שוין ווידער גוט געווארען?

רחל. עס טהוט דיך אבער וועה דאס הארץ צו קוקען אויף איהר? נו, דו האסט דיינס גע'פועל'ט, דו האסט אויסגעפיהרט דיינס, און זי... זי איז אוועק פון איהר מאן, וואס האט מען דא אויפגעטאהן? נישט קיין חתונה געהאטע, נישט קיין גע'גט'ע, זי לויפט ארום אויף אוראקען אזוי ווי... אזוי ווי... כ'וויים אליין ניט וואס.

זיגמונד. האסט דיך אליין ניט געפרעהט, ווען זינא איז אוועק פון איהם? האסט דו אליין נישט געזאגט דאמאלס: דאנקען גאט

אצינד וועט אונזער זינא אָנהויבען צו לעבען ווי א מענש, אָן ערנידעָ־דונגען, אָן סקאנדאלען און אצינד זינגט איהר שוין עפּעס אנדערש. זאָל איך קרענקען צו איך קען אייך אלע פערשטעהן.

זינא. זיי ניט בייז, זיגמונד, ער איז געקומען צו פאָהרען אויף איין טאָג, ער פאָהרט שוין אוועק, ער זאָגט, אז ער האָט פאר מארקוס'ן א וויכטיג געשעפט (האפט זי צוריק אפארט) אוי, וואס האב איך געטהון, דאָס האָט ער דאָך מיר אין געהיים געזאָגט.

זיגמונד. ווידער געהיימניסען?

רחל. הערסט מארקוס'ל?

זיגמונד. נו, איך וואָלט מארקוס'ן נישט ראטהען צו זעהן זיך מיט איהם, און איבערהויפּט צו פיהרען געהיימע געשעפטען מיט אזא נידעריגען מענשען...

מארקוס. וואָס איז ביי דיר פאר א טבע זיך שטענדיג צומישען.

רחל. אומעדום מישט ער זיך...

זיגמונד. מערקווירדיגע מענשען, לאָז איך זיי צו רוה, זאָגען זיי אז איך דערוויטער זיך פון זיי אַזוי ווי אפרעמדער, און ווען איך ערלויב מיך אריינצומישען הייבען זיי אָן צו שרייען אז איך בין א דעספּאָט. איינס פון די ביידע, אָדער קומט נישט אָן צו מיר, אָדער לאָזט מיך צורוה,

מארקוס: וואָסזשע ווילסט דו אפשר זאָגען, אז איך מיט דער מאמע עסען דיין ברויט אומזיסט?

זיגמונד. אַקליין נשמה'לע ביי דיר... אַקליין נשמה'לע...

זינא. זיגמונד הער אויף!..

רחל. שטענדיג אַזוי...

מארקוס. איך מיט דער מאמע ווילען מיר נישט זיין דיינע שפּילכעלעך, דו בענוצט זיך מיט דעם וואָס מיר האָבען נישט קיין אנדער מיטעל צו לעבען, (מען קלינגט אונטער די קוליסען).

זיגמונד. דאָס איז נידע־טרעכטיג.

מארקוס. דו מאַכסט חוזק פון אונז (גיט א וואַרף דעם בוך אויף דער ערד), וואָס בין איך, אַ יונגעלע? איך בין שוין דאַכט זיך נישט קיין קינד, דו האָסט קיין רעכט זיך אַזוי צו בעגעהן (ס'רייסט זיך אים איבער די רייד) מיט מיר... מאַמאַשאַ, גיב מיר טהע, עס האָט מיר אין האַלז אָנגעהויבען צו רייסען (געהט שנעל אב).

רחל. מאַרקוס'ל איז אַזוי אויך צוקאָכט און דו דערגעהסט איהם נאָך די יאָהרען (אב נאך מארקוס'ן).

זינאַ. זיגמונד'ל טהייערינקער, נעם זיך נישט צום האַרצען. דו ווייסט דאָך אַז מיר אַלע האָבען דיך ליעב.

פאשאַ (קומט אריין) מיין הער, מען פרעגט זיך צו אייך.

זִיגמוּנד. ווער?

פַּאשַא. אַקלִיעֶנט; עֶר האָט צוּ אַייך אַ פּאַפּיִער.

זיגמוּנד. בּאַלד, בּאַלד. (פּאשא אב, אפּרוּימענדיג דעם בּוּך, וואס מאַרקוּס האט אראבגעווארפען)

זינא. זײַ נִישט בּייז אוֹיף מאַרקוּס'ן, עֶפּעֶס די לעֶצטע צײַט איז עֶר אזוֹי ווי אצוּמִישטעֶר.

זִיגמוּנד. (טרינקט אוּיס א גלאז וואסער) נא, דאָס ווֶעלֶן מִיר אִיבּעֶרלאָזעֶן אוֹיף שפּעֶטעֶר, זאָג מִיר בּעֶסעֶר, וואָס אִיז דאָס דיין ליעֶוואַ געֶקוּמעֶן? עֶר וויל דִיך ווִידעֶר פּאַרדרייעֶן דעֶם קאָפּ?

זִינַא. נײַן זִיגמוּנד, וואָס רעֶדסטוּ? אִיז עֶס מעֶגלִיך, אַז צווִישעֶן אוּנז אִיז שוֹין אַלעֶס געֶ'עֶנדִגט?..

זִיגמוּנד. דוּ ווִילסט נִישט פֿאַרשטעֶהן, אַז צווִישעֶן אוּנז קעֶן קײַן פּריִידעֶן נִישט זײַן: דײַן ליאָוואַ האָט אַיין אוּמגלִיק אִין אוּנזעֶר הויז אַרײַנגעֶבּראַכט... זִינאָטשקעֶ, גִיבּ מִיר דײַן האַנד, אַז דוּ ווֶעסט זִיך מִיט אִיהם נִישט זעֶהן מעֶהר.

זִינַא. אוֹיף מײַן וואָרט, אִיך שעֶהם זִיך, וואָס אִיך האָבּ פֿוּן דִיר בּעֶהאַל-טעֶן, אוּן שטִילעֶרהײַד געֶגאַנגעֶן צוּ אִיהם, פֿעֶרצײַהעֶ מִיר, זִיגמוּנד! אִיך האָבּ מִיך פֿעֶרלוֹירעֶן... (נעהמט איהם ארוּם אוּן וויינט).

זִיגמוּנד. נוּ, נוּ, געֶנוּג! געֶנוּג! געֶה וואַש דִיך אָבּ אוּן זײַ אַ מעֶנש, געֶנוּג, געֶנוּג... (עס קוּמט אריין זשעניע מיט א פּארטפעל).

זשעֶניעֶ. וואָס מאַכסט דוּ, זִינאָטשקעֶ? (קוּשט זיך מיט איר) וואָס אִיז דאָס, ווִידעֶר נײַעֶס? אוּן דִי אוֹיגעֶן פֿאַרווײַנט! (גיט זיגמוּנד'ן די האנד, נישט קוּקענדיג אוֹיף איהם) וואָס אִיז ווִידעֶר?

זִיגמוּנד. (קוועטשט איר לאנג די האנד) דאָס אִיז, אַז מִיר זעֶנעֶן ווִידעֶר געֶוועֶזעֶן צוּגאַסט בּײַ אוּנזעֶר מאַן...

זשעֶניעֶ. (צוּ זינאן) וואָס?..

זִיגמוּנד. גִיט אִיהר אַפּסק, אוּן אִיך געֶה, מעֶן וואַרט דאָרט אוֹיף מִיר. (נעמט דעם פּארטפעל)

זִינַא. (נעמט ארוּיס פוּן זעקעלע א טיכעלע אוּן ווישט די אוֹיגען).

זשעֶניעֶ. (מאכט זיך גרייט צוּ שרייבען אוֹיף דעם רעמינגטאן) צַכאַך דאָ צוּם שרײַבּעֶן?

זִיגמוּנד. נײַן, נִישט פִֿיעֶל; אָט האָט אִיך דאָ אָבּגעֶקלִיבּעֶן פֿאַר אײַך... (גיט איהר די פאפירען, זשעניע קוּקט זיי דוּרך) אִיהר געֶהט פֿוּן דעֶר קאַנ-צעֶלאַריעֶ? טאָ רוּהט זִיך אָבּ אַבִּיסעֶל, אִיהר הערט?

זשעֶניעֶ. (לאכענדיג) סלוּשאַיוּם! (זיגמוּנד געהט אב צוּ זיך).

זִינַא. (קוּקט זיך אוּם) שווײַג... (רהל געהט פוּן דעם עס־צימער אין פארצימער).

מאַרקוּס. (קוּמט אריין, צוּ זשעניען) אִיך האָבּ אײַך אִין דעֶר קאַנ-צעֶלאַריעֶ געֶזוּכט, נוּר אִיהר האָט זִיך פֿוּן מִיר אַזוֹי בּעֶהאַלטעֶן.

זשעֶניעֶ. (קאלט) אִיך בּעֶהאַלט זִיך פֿוּן קײנעֶם נִישט...

מאַרקוּס. אִיהר זעֶנט בּייז אוֹיף מִיר... דעֶרפֿאַר, ווײַל אִיך

האָב זיך גענומען צו אַזאַ פערטיידיגונג... (זשעניע קוקט אין די פאפירען) איהר האָט אומיסטען פערהאַלטען דאָ זינאַ'ן, איהר זאָלט נישט בלייבען מיט מיר דאָ אַליין. (רחל לויפט אריין).

רחל. געה גיכער, צו דיר איז געקומען אַ קליענט.

מאַרקוס. צו מיר?

רחל. צו דיר, צו דיר; קריצמאַן הייסט ער; ער דאַרף זיין אַ רייכער, אויף אַלע פינגער בריליאַנטען; געה גיכער. (מארקוס געהט גיך אוועק).

זשעניע. גוטען טאָג.

רחל. (זעהר קאַלט) גוטען טאָג (געהט אב מיט אַ זיפץ).

זינאַ. זשעניטשקע, זיי נישט בייז אויף דער מאַמע, זי איז...

זשעניע. אַז עס געפעלט איהר צו זיין בייז, זאָל זי זיין בייז. נור זאָג מיר בעסער, פון וואָס האָסטו גערעדט מיט דיין מאַן?

זינאַ. דו פאַרשטעהסט דאָך, זשעניע, אַז איהם איז אַ צונד נישט אַמבעסטען...

זשעניע. שוין טאַקי... האָסט שוין רחמנות אויף איהם; איך זעה שוין, אַז דו ווילסט זיך ווידער פערדרייען דעם קאָפּ מיט איהם.

זינאַ. ניין; נאָר געוועהנליך, איך האָב נישט אַזא כאַראַקטער, ווי דו, — דו האָסט אַ שטאַרקען כאַראַקטער, דו קענסט זיך בעהערשען, און איך... אָט ביזטו אַוועקגעגאַנגען פון דיין פעטער, און וואָהנסט דיר אַליין אין אַ צימער; איך וואָלט דאַכט זיך געשטאָרבען, ווען עס זאָל מיט מיר געשעהן...

זשעניע. אַך, זינאָטשקע! קענסט דו דען נישט פאַרשטעהן, אַז דאָס בעסטע אין דער וועלט איז די פרייהייט און זעלבסט-שטענדיגקייט? אָט גיסטו אַ צונד אוראָקען אויף פאָרטעפּיאַנע, דאַרפסט צו קיינעם נישט אָנקומען. איז דען דיר נישט בעסער ווי פריהער?..

זינאַ. אַך, גאָט! איך האָב גאָר פאַרגעסען, אַז איך דאַרף באַלד געהן אויף אַנ'אוראָק. (קוקט אויף איהר זייגער).

זשעניע. נו, זאָג אַליין, דאַרף מען דיך נישט שלאָגען?..

זינאַ. (קוקט אויף דעם זייגער) און דער זייגער איז מיר אויך געבליבען שטעהן! אוי גאָט, וויפיל איז איצט דער זייגער?

זשעניע. (קוקט אויף איהר זייגער) דריי פערטעל אויף פיער.

זינאַ. אַזוי שפּעט... און האַלב פינף דאַרף איך זיין אויפ'ן אוראָק, און דאַרף נאָך... (חאפט איהר הוט) שפּילען צוויי עטיודען.

זשעניע. נו, געה-זשע גיכער, וואַש דיך אָפּ.

זינאַ. איך וועל געווים פאַרשפּעטיגען. אוי, האָב איך אַ קאָפּ בעקומען! (אב)

מאַרקוס. (לויפט אריין און לאכט היסטעריש) חאַ, חאַ, חאַ! איך בין נישט דער אמת'ער ניימאַן, איך בין אַ נאָכגעמאַכטער, איך בין נור

דֶער בּרוּדֶער פוּן דֶעם רִיכטִיגֶען נייִמאַן... נִישט מֶעהר... נִישט דֶער אֶמת'ֶער, חאַ, חאַ, חאַ!

זשעֶניעֶ. וואָס אִיז מִיט אַייך?

מאַרקוּס. אָט דֶער קרִיצמאַן הייבּט מִיר אָן צוּ דֶערצֶעהלֶען זייַן פּראָצֶעס אוּן זאָגט צוּ מִיר: „זֶעהט-זשעֶ, הֶער זִיגמוּנד נייַמאַן... אִיך גֶעטרוֹי אַייך", זאָג אִיך אִיהם, אִיך הייס מאַרקוּס נייַמאַן... אִיז עֶר גֶע-בּלִיבּעֶן שטעֶהן אוּן זאָגט צוּ מִיר... „זִינט אִיהר נִישט דֶער אֶמת'ֶער נייַמאַן"?. חאַ, חאַ, ווִי גֶעפֶעלט דאָס אַייך?

זשעֶניעֶ. הֶערט אוֹיף אַזוֹי צוּ לאַכעֶן!

מאַרקוּס. רוּף אִיך זִיך אָן צוּ אִיהם, גֶעהט-זשעֶ צוּם אֶמת'ֶען נייַמאַן; גֶעהט אַפִילוּ צוּם רוּח... חחאַ, חאַ, חא...

זשעֶניעֶ. הֶערט אוֹיף, אִיך קֶען נִישט לייַדעֶן, אַז אִיהר לאַכט אַזוֹי...

מאַרקוּס. נייִן, אִיהר ווִילט נִישט פֶערשטֶעהן, וואָס פאַר עֶרנִי-דֶערוּנג דאָס אִיז, זייַן אַזוֹי פִיל יאָהר דֶער שטן פוּן מייַן בּרוּדֶער, אַלֶעס בּעֶהוֹיפּטעֶן פוּן זייַנעֶ הֶענד, הֶערעֶן זייַנעֶ נאָטאַציעֶס.

זשעֶניעֶ. נוּ, גֶעהט מֶען אַוועֶק פוּן אִיהם, אוּן גֶענוּג.

מאַרקוּס. אַוועֶק גֶעהן?!

זשעֶניעֶ. גֶעווִיס... וועֶט אִיהר נִיט זייַן קייַן שטן פוּן אַייעֶר בּרוּדֶער.

מאַרקוּס. אוּן וואוּ ווֶעל אִיך נֶעהמֶען מִיטלֶען צוּם לֶעבּעֶן?

זשעֶניעֶ. אַזוֹי רֶעדט אַ מאַנספּעֶרזאָן? שֶעהמט אַייך! ווֶען אִיך בִּין אַ ווֶעג גֶעגאַנגֶען פוּן מייַן פֶעטֶער, האָבּ אִיך נִישט גֶעהאַט קייַן צעֶ-בּראָכעֶנעֶ קאָפִּיקעֶ...

מאַרקוּס. אִיהר דאַרפט דאָך אָבּער פאַרשטעֶהן, דאָס אִיך קֶען נִישט דִינגֶען אַבִּי וואָס פאַר אַ צִימֶער'ל, קייַן אייַנצִיגֶער פוּן מייַנעֶ קלִי-עֶנטעֶן ווֶעלֶען דאַן נִישט קוּמעֶן צוּ מִיר אוּן קייַנֶער וועֶט קייַנמאָהל נִישט ווִיסעֶן פוּן מִיר; דאָ האָבּ אִיך חאָטש אַ פּלאַץ, וואוּ אִיך קֶען אַ מֶענשעֶן אוֹיפנעֶהמֶען.

זשעֶניעֶ. נאָך מייַן פֶערשטאַנד אִיז בֶּעסֶער צוּ וואָהנעֶן אִין אַיין קלייַן צִימֶער'ל, אוּן לייַדעֶן נוֹיט, אייִדֶער אַזוֹי...

מאַרקוּס. אִיהר מייַנט, אַז אִיך פאַרשטעֶה עֶס נִישט?

זשעֶניעֶ. פאַרשטעֶהן אִיז קארג, מֶען דאַרף אָבּער קֶענעֶן טהוּן. (פּויזע)

מאַרקוּס. אִיהר רֶעדט אַזוֹי האַרט מִיט מִיר. אַ מאָהל פּלֶעגט אִיהר נִישט אַזוֹי רייַדעֶן... אַ מאָהל זֶענט אִיהר גֶעווֶען נֶעהנטֶער צוּ מִיר... פאַר וואָס האָט אִיהר זִיך אָבּגֶעווֶענדעֶט פוּן מִיר? וואָס אִיז דאָס גֶעוואָרעֶן מִיט אַייך? אִיהר זֶענט גאָר אַיין אַנדֶערעֶ גֶעוואָרעֶן... האָט מייַן גֶעטרייַעֶר בּרוּדֶער אוֹיף אַייך אַזוֹי גֶעווִירקט?..

ז ש עֶ נ י עֶ. הערט, מײַן פרײַנד! אַמאָהל האָבען מיר נור גערעדט נאַרישע ווערטער, ווי דאָס לעבען איז פוסט, ווי נאַריש מענשען לעבען, און אַלײן זענען מיר געוועזען נאָך פוסטער און נאַרישער, ביז... אײַער ברודער איז אַ מאָהל געקומען, און האָט מיר געזאָגט עטליכע ווערטער: ווי אַזוי שעהמט איהר זיך ניט צו זיצען און גאָרנישט טהון בײַ אײַער פעטער, וואָס איהר פעראַכטעט איהם?! בעסער געהט אַוועק פון זײַ, און לעבט זעלבסט-שטענדיג. און די עטליכע ווערטער האָבען אויף מיר אַגרויסען אײַנדרוק געמאַכט, איך האָב דאַמאָלס פערשטאַנען, אַז דאָס הײַסט טאַקע קײַן לעבען ניט, און איך בין אַוועק פון דאָרט.

מ אַ ר ק וּ ס. נישט נאָר פון דאָרט, איהר האָט זיך דערווײַטערט אויך פון מיר; פון דעם יעניגען, וועלכער ליבט אײַך יעצט נאָך מעהר, נאָך הײַסער פון פריהער...

ז ש עֶ נ י עֶ. לאָזט מיך צורוה,—דאָס איז נאָר אַ שוואַכהײַט.

מ אַ ר ק וּ ס. זאָל זײַן אַ שוואַכהײַט, נור וואָס זאָל איך טהון, אַז איך בין אַזאַ קראַפט-לאָזער, מוטהלאָזער מענש, אַז עס ציהט מיך צו אײַך... אַז נור איהר קענט מיר געבען קראַפט..

ז ש עֶ נ י עֶ. קראַפט, מוט, דאָס דאַרף יעדערער זוכען בײַ זיך.

מ אַ ר ק וּ ס. (הייס) אַז... כ'קען אָבער אָן אײַך ניט זײַן...

ז ש עֶ נ י עֶ. יעצט ווילט איהר שוין זײַן מײַן שטן... אַך, מאַרקוס, מאַרקוס, ווען וועט איהר שוין אַמאָהל זײַן אַמענש, נישט קײַן שטן?

מ אַ ר ק וּ ס. אין אײַערע ווערטער הערט זיך אַ פעראַכטונג צו מיר... איך פערשטעה פון וואַנען דאָס קומט צו אײַך, (אויפגערעגט) אַזוי רעדט מען צו מיר נאָך דעם אַלעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען! דאָס איז גרויזאַם פון אײַער זײַט, אונמענשליך, איהר דער'הרג'עט מיך אינגאַנצען...

ז ש עֶ נ י עֶ. שוין ווידער ווערטער... אַך, דאָס מאַכט מיך ווײַטענד
(מישט מיט כעס די בלעטער).

ז י ג מ וּ נ ד. (קומט אריין איבערגעטהון אין א געוועהנליכען אנצוג) קוים מיט צרות פטור געוואָרען פון דעם שלאַק, ער וויל צונעהמען דאָס הויז בײַ זײַן ווײַב און לאָזען זי אָן ברויט, עס איז אַגוט שטיקעל סחורה...
(קוקט אויף מארקוס'ן) וואָס איז מיט דיר? ס'איז דיר נישט גוט?

מ אַ ר ק וּ ס. יאָ, נישט גוט, נישט גוט אין קאָפּ, נישט גוט אין האַרצען, אַזוי נישט גוט, אַז עס גלוסט זיך מעהר נישט צו לעבען אויף דער וועלט...

ז י ג מ וּ נ ד. דו ביזט געוויס קראַנק, צײַג מיר דײַן קאָפּ.

מ אַ ר ק וּ ס. לאָז מיך!.. איך מוז זײַן געזונד און רוהיג... איך דאַרף זיך פאַרשטאָפּען דאָס מויל, ווען איך וויל שרײַען, ווען עס טהוט מיר וועה. איך טהאָר קײַן קרום פּ'נים נישט מאַכען, ווען עס ברענט

מיך אינוועהניג, ווייל מען וועט מיר נאך אקלאפ געבען איבער'ן שטארקסטען וועהטאג פון מיין הארצען ... (זשעניע גיט א קוועטש מיט די פלייצעס און געהט אויף איהר פלאץ).

זיגמונד. דו האסט א צו שוואך הארץ, דערפאר טהוט עס דיר אזוי וועה.

מארקוס. אוודאי, מעגסט דו לאכען: איך וויים, איהר שטארקע מעגט לאכען פון אונז שוואכע! נו גוט, לאכט, איך וועל אויך לאכען, הא, חא, הא' וועלען מיר זיין פרעהליך, ווע' די נשמה ווערט צוריסען אויף טויזענד שטיקער... לאכען, לאכען, חחא, חא, חא! (אב)

זיגמונד. (קוקט נאך פערוואונדערט) וואס איז מיט איהם? (פערמאכט די טהיר פון קארידאר) פון וואס האט איהר דא גערעדט?

זשעניע. מיר דארפען זעהן איהם אביסעל צו בערוהיגען, אפשר וואלט מען איהם געגעבען אנ'אינטערעסאנטען פראצעס, ער זאל אביסעל אויפוואכען; מען קען דאך ניט זאגען, אז ער האט ניט קיין טאלענט.

זיגמונד. איך האב מורא, אז פון זיין טאלאנט וועט גאר נישט ארויס.

זשעניע. איך בעט אייך (שטרעקט אוים די האנד, זיגמונד קושט ז.) איך וועל מיך ניט בערוהיגען, ביז וואנען ער וועט ניט זיין אויף א וועג, רעדט מיט איהם אזוי ווי מיט א ברודער... איהר קענט דאך ריידען, אז איהר ווילט נור...

זיגמונד. ער קען אבער ניט הערען. (רחל קומט אריין) וואס איז, מאמא?

רחל. גאר ניט... איהר זענט דא ביידע?.. און איך האב געמיינט... (אב)

זשעניע. (מיט אטרויעריגע מינע) אייער מוטער איז אויף מיר אויפ-געבראכט... זי מיינט עפעס אויף מיר... קוקט קרום...

זיגמונד. ע... ע... מיין טייערינקע... איך בין מיט איהר דאס גאנצע לעבען, זארג פאר איהר דאס גאנצע לעבען, און פונדעסטווע-גען איז זי שטענדיג אויף מיר אויפגעבראכט און קוקט קרום. ביי די אלטע פרויען איז אבעזונדערע לאגיקע... טרייבט אוועק פון זיך די מרה—שחורה און הערט מיך אוים. איך מוז אייך זאגען, אז איך בין פון אייך אונצופרידען.

זשעניע. מיט וואס?..

זיגמונד. איהר ארבייט צופיעל, ביי טאג דעם רעמינגטאן פארנאכט אין דער קאנצעלאריע, און ביי נאכט אורא‏קען... דאס אי שוין צופיעל...

זשעניע. ווארט אוים, איך וועל נאר בעצאהלען מיינע חובות. דאן

זיגמונד. וואס פאר א חובות?

זשעֶניעֶ. אִיהר ווייסט דאָך, אַז אִיך בִּין אַוועֶק פוּן מײַן פעֶטעֶר אִין איין קלייד, האָבּ אִיך געֶדאַרפט בּאָרגעֶן בּײַ אײַך געֶלד.

זִיגמוּנד. לאָזט צוּרוּה... וואָס פאַר אַ געֶלד?

זשעֶניעֶ. (הארט) אִיך האָבּ געֶנוּמעֶן, דאַרף אִיך אָפּגעֶבּעֶן. אִיהר האָט אַליין געֶזאָגט: דעֶר וואָס ווִיל זײַן שטאַרק, דעֶר דאַרף זִיך בּאַגעֶהן אָן פרעֶמדעֶ הִילפעֶ.

זִיגמוּנד. פרעֶמדעֶ? אַנוּ, נאָך אַמאָהל, וואָס האָט אִיהר געֶזאָגט? (קלינגט).

זשעֶניעֶ. טשעֶפּעֶט זִיך נִיט צוּ צוּ דִי ווערטעֶר, אִיך פעֶרשטעֶה אַז מִיר זעֶנעֶן כמעט נִיט קײַן פרעֶמדעֶ, נוּר אִיך ווִיל מִיט דעֶם זאָגעֶן, אַז אִיהר טהוּט עֶין צוּ פִיעל אַזוֹי אוֹיך פוּן מײַנעֶט-וועֶגעֶן. אִיהר העֶלפט מִיר, אוּן אִיך ווִיל פאַרקעֶהרט, אִיך ווִ.ל האָבּעֶן דִי מעֶגלִיכקײַטעֶן יעֶנעֶם צוּ העֶלפעֶן...

זִיגמוּנד. בּראַוואָ! בּראַוואָ! אִיך קעֶן אײַך פּראָפּעֶצײַעֶן, אַז אִיהר מאַכט אוּנגעֶהוֹיעֶרעֶ פאָרשרִיטעֶ... א... (מען הערט אלטערס שטימע: „אַז אִיך האָבּ קיין מאָהל קײַן צייט נִישט").

זשעֶניעֶ. דעֶר פעֶטעֶר... (יאכנעס שטימע: „מײַן אַלטעֶר'ל אִיז שטעֶנדִיג פאַרנוּמעֶן".) אִיך ווִעל בּעֶסעֶר אַוועֶקגעֶהן (וויל גיהן).

זִיגמוּנד. ניין, בּלײַבּט דאָ, זיי קעֶנעֶן נאָך מײַנעֶן, אַז אִיהר האָט פאַר זיי מוֹרא, אַנטלוֹפט אִיהר...

זשעֶניעֶ. אִיהר האָט רעֶכט, (הארט) אִיך בּלײַבּ דאָ! (ס'קומט אריין רחל, אלטער און יאכנע).

רחל. קוּים אַמאָהל, זִיצט, זִיצט.

אַלטעֶר. (צו זיגמונד'ן) אַ, גאָט העֶלף, וואָס מאַכט מעֶן? פעֶרדִינסט געֶלד? גנבים זעֶנעֶן אוֹיף דעֶר וועֶלט דאָ, דאנקעֶן גאט, אַסך. (גיט איהם די האנד) אִיך בִּין זעֶהר צוּפרִידעֶן...

זִיגמוּנד. מִיט וואָס? וואָס גנבִים זעֶנעֶן דאָ אַסך?

אַלטעֶר. ניין, וואָס מעֶן זעֶהט זִיך געֶזוּנדעֶרהייט... (דערזעהט זשעניען) אַ, זשעֶניעֶ! מײַן טהײַעֶרעֶ פלעֶמעֶנִיצעֶ! (גיט פון ווייטענס זיין האנד, זשעניע ריהרט זיך נִיט) וואָסזשעֶ? ווִילסט דִיך אַפִילוּ נִיט בּעֶגרִיסעֶן מִיט'ן פעֶטעֶר?

יאַכנעֶ. זשעֶנִיטשקעֶ! (געהט צו צו איהר און קושט זי).

רחל. זי אִיז דִי גאַנצעֶ צײַט בּײַ אוּנז.

אַלטעֶר. (האלט די גאנצע צייט אויסגעשטרעקט זיין האנד) נוּ, זשעֶניעֶ! (זשעניע גיט קאלט די האנד) וואָסזשעֶ העֶרט זִיך? בִּיזט כאָטש געֶזוּנד?

זשעֶניעֶ. אָט אַזוֹי ווִי אִיהר זעֶהט! (זעצט זיך מיט דעם רוקען צו זיי און קוקט אין די פאפירען).

רחל. זעֶצט אײַך, מײַנעֶ לִיעֶבּעֶ געֶסט. (אלע זעצען זיך, אלטער, יאכנע, רחל אין איינעם, זיגמונד און זשעניע פון דער ווייטענס.

יאַכנעֶ. און וואו איז זינא ?

רחל. געגאַנגען אויף אַנ׳אוראָק.

אַלטעֶר. איך האָב געוואָלט מיט איהר שמועסען (נעהמט ארויס א פאפיראס און פערוויכערט).

יאַכנעֶ. (רייסט ארויס דעם פאפיראס פון מויל) אַלטעֶר׳ל, דו האָסט פאַרגעסען, אַז דו טהאָרסט נישט רויכער׳ן...

אַלטעֶר. אמת! דער מענש דאַרף זיך אָפּהיטען פון רויכער׳ן, וואָרום טאַבאַק האָט אין זיך אַזאַ מין... ניקאַטין... אַז מען הייבט אָן דעם רויך ציהען, איז פערשטעהט איהר מיך... דערפון דער-נעהמט זיך אַ מין... אַ מין...

יאַכנעֶ. נו, גענוג שוין ציהען... דו ציהסט אַרויס די נשמה אינגאַנצען. (אלע שווייגען).

אַלטעֶר. און וואָס איז דאָס מיט מאַרקוסל׳ן, וואָס מען זעהט איהם ניט ?

רחל. עס טהוט איהם נעבעך וועה וויעדער דער קאָפּ...

אַלטעֶר. די לעצטע צייט איז ער געוואָרען אַזוי בייז, אַקוראַט ווי מ׳וואָלט פון איהם דאָס לעצטע העמד צוגענומען.

יאַכנעֶ. איך מיט אַלטער׳ן האָבען איהם אַזוי ליעב, אַזוי ליעב.

אַלטעֶר. יאַ, ער איז אַ וואוילער. אַ פיין קינד, א ביסעל לייכט-זינניג; אַ מענש דאַרף זיין... אַ מענש דאַרף זיך קענען בעהערשען, און דער מענש, וואָס קען זיך ניט בעהערשען, איז גלייך צו אַ וואגאָן וואָס איז אַראָפּ פון די רעלסען... און איהר ווייסט דאָך, אז א וואגאָן, געהט אראָפּ פון די רעלסען, ווערט ער צובראָכען... און אז א וואגאָן ווערט צערבראָכען...

יאכנעֶ. אלטער׳ל! דו קענסט דאָס אייגענע רעדען געהענדיגער-הייט. (צו רחל׳ן) דער דאָקטאָר האָט איהם אָנגעזאָגט, אז ער זאָל געהן, נור געהן...

אלטעֶר. (כאפט זיך אויף פון זיין קרעסלע) יא, יא, מיין יאכנעֶ איז גע-רעכט, מיין יאכנע, זאָל לעבען, איז שטענדיג גערעכט.

רחל. אָט זענט איהר מיט אלטער׳ן א גליקליך פּאָר, אז דאָס הארץ פרעהט זיך קוקענדיג.

אלטער. איך מיט מיין יאכנען צייגען שוין דרייסיג יאָהר איין בייַשפּיעל די יונגע-לייט, ווי אזוי מ׳דארף לעבען אויף דער וועלט... מיר טהוען עס פאר דער געזעלשאפט, און וואָס מיר טהוען פאר דער געזעלשאפט, טהוט מען עס נאָר אלס מענשליכקייט. און אויב מיר טהוען עס אלס מענשליכקייט, איז עס שטענדיג פיינע — מענשלכע טהאטען... (זעצט זיך) אָט, א שטייגער לאָ-מיר נעמען...

יאכנעֶ. אלטעֶר'ל, דו זיצט?

אַלטעֶר. (כאפּט זיך אויף פון דער קרעסלע) ניין, איך געֶה, איך געֶה ארום. (שנייצט דעם נאז) צום אומגליק בעֶר, פעֶרגעֶסעֶן די מעֶנשעֶן דאָס נייטיגסטעֶ, די הייִמאט ... דעֶם עֶססעֶנ'ץ פון מעֶנשליכקייט. זיי שפּיעֶלעֶן זיך אזוי לאנג, ביז עֶס שפּיעֶלט זיך עֶפּעֶס אוים...

רחל. דו פארשטעֶהסט, זיגמונד?

זיגמונד. איך פארשטעֶה, אז עֶס איז שוין צייט טהעֶ צו טרינ־קעֶן!...

אַלטעֶר. (קוקט לאנג אויף זיגמונדען) דו מאַכסט חוזק פון מיר?

זיגמונד. וואָס קוקט איהר אויף מיר? איהר דעֶרקעֶנט מיך ניט?

אַלטעֶר. דיר דעֶרקעֶן איך, אָבעֶר מיין פלעֶמעֶניצעֶ דעֶרקעֶן איך נישט ... עֶפּעֶס ... (עס לויפט אריין פּאולא, האלט א שרייב ביכעל און לאכט, יאשא וויל עס ארויסרייסען).

יאַשאַ. גיט אָב, מעֶן טאָהר נישט לייעֶנעֶן. (דערזעהט אלטער'ן) אַ...

פּאַולאַ. אָט אַ צונד וועֶט איהר האָבעֶן אַפּסק פון דעֶם פעֶטעֶר.

רחל. פּאָליעֶ, העֶר אויף! בעֶגרים דיך מיט דעֶם פעֶטעֶר, מיט דער מומעֶן.

פּאַולאַ. (געהט צו צו זשעניען, צו קושט זיך מיט איהר) גאָט העֶלף, זשעֶניעֶ!..

יאַשאַ. פּאַולאַ, גיט אָב דאָס ביכעֶל, איך דאַרף געֶהן...

פּאַולאַ. ניין, מעֶן גיט נישט ... חאַ, חאַ, חאַ.

רחל. פּאַולאַ, העֶר אויף...

זיגמונד. לאָזט צורוה, זי וויל זיך באַלעֶווען, זאָל זי זיך באַלעֶווען.

אלטעֶר. פון געֶבאַלעֶוועֶטע זאַכען קומט קיין גוטעֶס נישט ארוים, דעֶן אַז מעֶן באַלעֶוועֶט זיך, הייסט דאָס אַז מעֶן...

פּאַולא. (וועלכע האט זיך די גאנצע צייט געראנגעלט מיט יאשא ן, ווארפט אוועק דאס ביכעל אויף דר'ערד), נעֶמט ... ווייִנט נישט. (אב)

אלטעֶר. יאשעֶ! העֶרסטו וואָס איך וועל דיר זאָגען, אז אָנ־אָרנטליכער מעֶנש דאַרף זיין אנשטעֶנדיג, וואָרום, אז מעֶן איז נישט אנשטעֶנדיג...

יאשא. איך וועֶל אייך זאָגעֶן, פעֶטעֶר, איך בין אזוי אויפגעֶרעֶגט... עֶנטשולדיגט מיר. (געהט אב צו דער טהיר, קעהרט זיך אום) עֶנטשולדיגט, איך האָב פארגעֶסעֶן זיך צו געֶזעֶגעֶנעֶן, (צו יעדען בעזונדער) אדיע! אדיעֶ! אדיעֶ! כ'בין אזוי אויפגעֶרעֶגט... אדיעֶ... (אב)

רחל. אוי, די יונגעֶ־לייט, די יונגעֶ־לייט! נו, מ'דאַרף געֶהן זעֶהן צו דעֶר סאמאָוואר איז פארטיג. (אב)

אלטעֶר. א צונד וועֶלעֶן מיר שמועֶסעֶן מיט דיר, זיגמונד .. זאָג

נאר, איך בעט דיך, מיר וואלטען וועלען וויסען, מיט וואס פאר א רעכט האסטו זיך ארייננגע׳גנב׳עט צו אונז אין הויז, אום צו צעשטערען אונזערע פערהעלטניסע מיט מיין פלעמעניצע... און אז דו האסט שוין יא צעשטערט די פערהעלטניסע... צו וואס זשע האסטו זי ארויסגעריסען פון אונזער הײז אויף דער גאס?

זיגמונד. ערשטענס, איז דאס פריילין מינדיג (פאליעהריג) און קען אליין זיין פעראנטווארטליך פאר איהרע טהאטען.

זשעניע. איך וועל איהם אליין ענטפער׳ן: ערשטענס, האט קיינער ניט געקענט צעשטערען אונזערע פערהעלטניסע... דען קיינע פערהעלטניסע האבען צווישען אונז קיינמאהל נישט עקזיסטירט.

יאכנע. נו, וואס זאגסטו צו איהר?

אלטער. דו האסט די העזה מיט אונז אזוי צו ריידען? מיט אונז, וועלכע זענען געוועזען צו דיר אזוי ווי פאטער און מוטער?

זשעניע. און וועלכע האבען זיך געגראבען אין מיין נשמה אזוי ווי ביי זיך אין פארהויז.

אלטער. (צו זיגמונדען) דאס האסטו זי אויפגעהעצט אנטקעגען אונז, דאס האסטו זי אויסגעלערנט צו באמבלען אויף דער מאשין (וויזט אויף דעם רעמינגטאן).

זיגמונד. פערדינען מיט אייגענע הענד, איז נישט קיין שאנדע.

אלטער. (הייס) אבער פון דעם באמבלען באמבעלט זיך אויס אזעלכע... אזעלכע זאכען, וואס דערנאך דארף מען נייע ווינדעלעך. (זשעניע לאכט) דו לאכסט נאך, (צו יאכנען) זי לאכט נאך...

יאכנע. (צו אלטער׳ן) עס זיך ניט אפ דאס הארץ, האסט פארגעסען, דער דאקטאר...

אלטער. לאז נאר... זאג מיר, איך בעט דיך, פון ווען אן האסטו זיך אויסגעלער׳נט לאכען און ביזט געווארען אזוי פרייליך?

זשעניע. זייט איך בין אוועק פון אייך...

יאכנע. אוועקווארפען איין אייגען הויז און זיין אין דער פרעמד איז בעסער?

זשעניע. ביי מיר איז איין אייגען הויז, וואו איך קען אטהעמען פריי.

זיגמונד. זי איז גערעכט...

אלטער. (וויל זיך זעצען צו זיי, יאכנע לאזט ניט) דו פארגעסט אבער, אז דו טראגסט אונזער פאמיליע.

זשעניע. פאר וואס איז דאס אייער פאמיליע? און וואס קעהר זיך עס אן?

אלטער. (הייס) וואס הייסט, וואס עס קעהר זיך אן? זי פרעגט

נאָך, דו הייסט דאָך אויך לערמאַן, און אַז מען וועט זאָגען, אַז פרייַלען לערמאַן איז אַזוי, און אַזוי... פלאַמט מיר מייַן פּנים...

זשעניע. מיר פלאַמט אויך מיין פּנים, אַז מען רעדט פון דעם לערמאַנען (ציינט אויף אלטער׳ן) שלעכטס.

אַלטער. אַזוי רעדט מען מיט אַ פעטער, האָסט פערגעסען, אַז איך בין...

זשעניע. פערשטעהט זיך, אַ פעטער... אַ פעטער... (שמייכעלט)

יאַכנע. זי מאַכט נאָך חוזק פון אונז...

זיגמונד. זאָגט מיר, וואָס ווילט איהר פון אונז?

אַלטער. פון אונז? הערסט יאַכנע? פון אונז! זיי זענען שוין אונז געוואָרען... (מארקוס קומט אריין, בלייבט שטעהען פון הינטען) דו ווערסט מיט אונז נישט מאַכען קיין קונצען... איהר ווילט לעבען אָן חפּה וקדושין.

מאַרקוס. וואָס... וואָס רעדט איהר, איהר ערלויבט זיך דאָס! (ווערט גלייך).

אַלטער. דו פערשטעהסט דען נישט, אַז זיי מאַכען קונציניו־מוציניו? באָמבלען אויף דער מאַשין, און ווילען אונז פאַרבלענדען די אויגען...

מאַרקוס. (שרייט ווילד) ס׳אַליגען, ס׳אַליגען! (ווארפט זיך אויף אלטער׳ן) איך וועל אייך דעם קאָפּ שפּאַלטען פאַר זשעניען (רחל לויפט אריין).

רחל. וואָס איז דאָ?

יאַכנע. (שרייט) געוואַלד! געוואַלד!

זיגמונד. שווייַגט! הערט מיך אויס! איהר זאָלט וויסען, אַז פרייַלען זשעניע, אייער פלעמעניצע, איז מייַן כלה, און איהר ר׳ אַלטער זענט אַ גרויסער נאַר!... (מארקוס פאלט אויף א קרעסלע).

אַלע. מאַרקוס!.. מאַרקוס׳ל! וואָס איז מיט דיר?

מאַרקוס. (רייסט אויף דעם האלזטוך) עס וואַרגט... ס׳שטיקט... שלעכט!.. (פאלט אנמאכט).

אַלע. מאַרקוס!.. אַ דאָקטאָר!..

(פארהאנג פאלט)

## צווייטער אקט.

די ביהנע שטעלט פאר אנ׳עס-צימער, אין מיטען א טיש, איבער איהם הענגט אלאמפ. לינקס: א שאפפע מיט א בופעט, דריי טירען. רעכטס: א טישעל מיט צוויי שטולען. אויפ׳ן טיש שטעהט א פערלאשענער סאמאוואר, גלעזער, שאלען א. ז. וו. (עס איז נאכט)

(זיגמונד געהט ארום איבער׳ן צימער. זשעניע קוקט איבער די פאפירען טרינקענדיג טהע)

זיגמונד. איך קען זיך ניט מוחל זיין, וואָס איך האָב מאַרקוסען

איבערגעגעבען אזא וויכטיגען פּראָצעס, איך האָב אייך אָבער געזאָגט, אז עס איז רעזיקירט, און אצינד געהט א מענש דורך איהם אין אסטראָג. (פויזע) אז ער איז געוועזען אין סוד אזוי ווי משוגע! איך וועל דיר זאָגען דעם אמת, אז ער איז דאָ נעבען דיר, איז ער נישט פעהיג צו דיינקען פון קיין שום זאך, זעהסטו דען דאָס נישט?

ז ש ע נ י ע. יאָ, יעצט זעה איך שוין דאָס...

ז י ג מ ו נ ד. אויב דו זעהסט יאָ, דארפען מיר אויך זעהן וואָס אַמשנעלסטען, אז ער זאָל אוועק פון דאנען... און... אפשר... איז עס פאר דיר שווער? זאָג...

ז ש ע נ י ע. איך האָב דיר שוין פיעל מאָהל געזאָגט, אז די פריערדיגע זשעניע עקזיסטירט נישט מעהר... פריער ווען איך בין געוועזען א שוואכע, האָב איך ליעב געהאט דיין ברודער, אָבער יעצט ווען איך זעה, אז ער וועט קיינמאָהל נישט אויסוואכסען אין מיינע אויגען, אז ער וועט שטענדיג זיין דאָס ציטריגע קינד... מוז איך דיר זאָגען די וואַרהייט, אז זיינע ווערטער רופען זיך אָפּ אין מיין הארצען מיט א פערגאנגענע טרויריגקייט, מיר ווערט אונמוטהיג אויסצוהערען איהם יעדעס מאָהל...

ז י ג מ ו נ ד. אויב אזוי וועלען מיר פארגעסען דאָס פערגאנגענע און מיר וועלען אָנפאנגען א נייַ לעבען, מיר וועלען קוקען פאָרווערטס... צו דעם ווייטען שטראָם פון לעבען, צו אונזער צוקונפט...

ז ש ע נ י ע. פאָרווערטס, פאָרווערטס!.. איך בין גאָר יעצט איין אנדערע, יעצט זעה איך פאר מיר א נייַ לעבען, א נייַע ליעבע... נישט אזוי? זיגמונד, זאָג מיר צו, אז דו וועסט מיר גלויבען, אלעס גלויבען! ווי מיין הארץ זאָל זיך ניט אויסגיסען... זאָלסטו מיר אלעס גלויבען, דען עס מאכט זיך א מאָהל, אַז איך גלויב מיר אליין אויך נישט...

ז י ג מ ו נ ד. דו מוזט גלויבען אין דיין קראַפט...

ז ש ע נ י ע. אין מיין קראפט גלויב איך, נאָר ווען איך בין מיט דיר... מיין טייַערער... (קושט איהם און שטויסט איהם אוועק פון זיך) נו געה, געה יעצט פון מיר...

ז י ג מ ו נ ד. (געהט צו צו זשעניען) זשעניע! (קושט זי).

ז ש ע נ י ע. הער אויף, מען וועט אריינגעהן.

ז י ג מ ו נ ד. זאָלען זיי געהן. (וויל זי ווייטער ארומנעהמען, זי דרעהט זיך אויס).

ז ש ע נ י ע. ע, ע! דו האָסט שוין אויך שווערהייטען בעקומען?

ז י ג מ ו נ ד. איך האָב נור איין שווערהייט, און דאָס ביזט דו! (גיט א קוק אויפ'ן זייגער) נו, מען דארף געהן (קושט זי, אב)

ז י נ א. (קומט אריין אנגעטהון אין א היטעלע, און א מופטע אין דער האנד, דער זעהט זשעניען, וויל אוועקלויפען).

זשעניע. זינא! שטעה, וואוהין לויפסט דו?

זינא. (רייסט זיך פון איהר) האלט מיך נישט אָפּ, זשעניע, איך דארף געהן...

זשעניע. ווידער צו איהם? צום מאנן?

זינא. וואָס זאָל איך טהון, אז איך האָבּ איהם צוגעזאָגט.

זשעניע. און דעם ברודער האָסטו געזאָגט, אז דו וועסט נישט געהן!

זינא. זשעניטשקע, איך גיבּ דיר דאָס וואָרט, אז צום לעצ-טען מאָהל... אויף איין מינוטקעלע.

זשעניע. ניין, דו וועסט נישט געהן! איך וועל דיך נישט לאָזען.

זינא. נור זיך געזעגענען מיט איהם, ער ווארט דאָרט, ער פאָהרט שוין אוועק.

זשעניע. זאָל ער פאָהרען, און דו וועסט בלייבען דאָ, חא, חא, גיבּ אקוק אויף זיך, וואָס פאר א פנים דו האָסט... חא, חא, חא!

זינא. דיר איז גוט צו לאכען, און איך בין אזוי אומגליקליך... איך פערשטעה אליין, אז דאָס איז נאריש, וואָס איך געה צו איהם; וואָס זאָל איך טהון, אז כ'האָבּ רחמנות אויף איהם; מיינסט אפשר, אז איך האָבּ איהם ליעבּ? ניין, אפילו ניט אויף אזוי פיעל (צייגט מיט'ן פינגער), איך האָבּ ליעבּ דיך, זיגמונדען און אלע אונזערע פיעל מעהר. מיט איהם, מיט מיין מאן, איז נור א צרה; אבער... כ'ווייס ניט וואָס דאָס איז, עס ציהט מיך צו איהם אזוי ווי א כשוף.

זשעניע. (פארטראכט) אזוי ווי א כשוף! מערקווירדיג!

זינא. (קוועטשט זיך צו צו זשעניען) אָט, גיבּ א קוק, ווי מיר איז א צונד, עס ציטערען ביי מיר די הענד און די פיס, איך האָבּ אלץ געוואַרט, זיגמונד זאָל אוועק געהן, און האָבּ מיר גענומען שטיל מיין היטעלע מיט די מופטע, און איך האָבּ געוואָלט געהן דורך די קיך...

(מארקוס קומט ארײן ביז, דאס פנים בלאס, אויסגעדארט).

מארקוס. (קוקט נישט אויף זשעניען) גוטען אָבענד! (זשעניע קוקט אויף איהם און גיט לאנגזאם די האנד).

זינא. מארקוסעל, (קושט איהם) וואָס איז מיט דיר? דו האָסט פיבער? נעהם איין כינע, האָבּ רחמנות אויף אונז, די מאמע ווייס דאָך שוין נישט, וואָס צו טהאָן מיט דיר...

מארקוס. איי! געהט אוועק פון מיר מיט אייער געטריישאפט!

זינא. (מיט טרעהרען אין די אויגען) וואָס טהו איך דיר דען? מעגסט זיך שעהמען (וויל אפגעהן).

זשעניע. ווארט, זינא, איך וועל מיט דיר מיט געהן (קלויבט די פאפירען).

מאַרקוס. איהר ווילט נישט אָטהעמען מיט מיר אין איין לופט?

זינא. (שטיל צו זשעניען) בלייב דאָ מיט איהם, זשעניע, רייד מיט איהם, דו ווייסט דאָך, אַז ער... בלייב מיט איהם, איך וועל געהן שפּיעלען מיינע עטיודען. (געהט אַב, קוקט זיך אום אויף זשעניען און אויף מאַרקוסען).

זשעניע. (נאָך אַ קליינע פּויזע) איהר האָט מיר געוואָלט עפּעס זאָגען?

מאַרקוס. גאָר נישט!.. (לאַכט היסטעריש) ווי געפעלט אייך, ווי איך האָב דעם פּראָצעס היינט אָבגעאַרבייט... אַ? קינסטליך, אַ? האַ, האַ, האַ! איהר מיט זיגמונדען מיט אייער חתן, ווילט מיך היילען מיט אַרבייט, און איך האָב גאָר די לעצטע צייט, ווען מיר איז פאַרגעשטאַנען צו רעטען אַ מענשען פון אַסטראָג, גענומען זיך צו שיכור'ן, נישט אַדורך געשלאָפען די נעכט, געזעסען אין רעסטאָראַנען, אין שאַנטאַנען, ביז איך האָב זיך פאַרטומעלט דעם קאָפּ און איך האָב אַלעס פערגעסען. אָט דאָס הייסט פערטיידיגט... איהר מיינט אפשר, אַז איך האָב מיטלייד אויף דעם אומגליקליכען, וואָס וועט ליגען דורך מיך אין אַסטראָג? אָבער גאָר נישט!.. אַז מיין לעבען האָט ביי מיר קיין ווערט נישט, וואָס-זשע אַרט מיך אויף יענעם, האַ, האַ, האַ! אַסטראָג איז אַסטראָג, קאַטאָרגע איז קאַטאָרגע. (אונטער די קוליסען הערט זיך פּיאַנע שפּיעלען).

זשעניע. דאָס הייסט, אַז ביי אייך איז גאָר נישט געבליבען קיין שום הייליגטהום? גאָר נישט?

מאַרקוס. אין מיין לעבען איז געבליבען אַ לעהדיגער גרוב, וואו עס ווערט דערטרונקען גוטעס און שלעכטעס, אמת און ליגען... (פּויזע) זאָגט מיר, דאָס האָט מיין ברודער'ל אייך פאַרווערט צו רעדען מיט מיר צווישען פיער אויגען?

זשעניע. איך געפין נישט פאַר נייטיג אייך צו ענטפער'ן אויף אַזעלכע פראַגען.

מאַרקוס. ער האָט אייך אויך צו זינא'ן צוגעשטעלט ווי אַ וועכטער; אין גיכען זאָלט איהר ווערען זיין שקלאַפען, זיין הינטעלע, און ער וועט נאָר דאַרפען מאַכען פייל..' טוגא...

זשעניע. איהר זענט נישט מיט אלעמען... (וויל אוועקגעהן)

מאַרקוס. (כאַפּט זי אָן) וואַרט אויס, איהר האָט קיין רעכט אַציִנד פון מיר אַוועקצוגעהן.

זשעניע. מיט וואָס פאַר אַ רעכט רעדט איהר מיט מיר אַזוי? (וויל געהן).

מאַרקוס. (מיט וועהטאָג) ניין, ניין!.. געהט נישט אַוועק, איך בעט אייך... איך רייד ווי איין וואַהנזיניגער... ענטשולדיגט מיר! איך האָב ניט דאָס געוואָלט זאָגען... לאָזט מיך בעקלעהרען זיך... איך מוז

אײַך אַלְעֶס אַרױסזאָגֶען... אַנ'נִיט װעֶל אִיך מְשׁוּגָעֶ װעֶרֶען (קװעטשט זיך דעם קאָפּ) אַך, װי מײַן קאָפּ טהוט מִיר װעֶה... װאָס האָבּ אִיך אײַך גֶעװאָלט זאָגֶען? הֶערט מִיך אוּיס, זשעֶניעֶ, אִיך פִּיהל... מיר לױפט נאָך דעֶר געֶדאַנק... צו טױטעֶן... זיגמונדעֶן...

זשעֶניעֶ. (ערציטערט) טױטעֶן? אומגליקליכעֶר, װאָס רעֶדט אִיהר?

מאַרקוּס. פאַר װאָס האָט אִיהם דעֶר שִׁיקזאַל מִיט אַלְעֶם בּעֶשאָנקעֶן? אַלְעֶס אִיהם: טאַלאַנט, עֶהרעֶ, לִיעֶבּעֶ, אײַער לִיעֶבּעֶ, און מִיר... (קלאפּט מיט די פיס) אִיך קעֶן בּײַ אײַך נִיט אױסבּעֶטעֶן אַ טהײל פון דעֶר לִיעֶבּעֶ... אַפִּילוּ נִישט קײַן מִיטלײַד, דאָס אִיז נִישט רעֶכט, דאָס אִיז דאָס שלעֶכטסטעֶ פון מײַן שִׁיקזאַל, װאָס מאַכט מִיך אַזױ װײעֶטעֶנד; אִיך װײס, אַז אִיך פאַל אַלץ נידעֶריגעֶר און נִידעֶריגעֶר. אַך! װעֶן אִיך זאָל אײַך קעֶנעֶן אַרױסזאָגעֶן, װיפיעֶל גיפטיגעֶס עֶס אִיז יעֶצט אִין מײַן האַרצעֶן... אִיך קעֶן זיך אַלײן נישט אָנקוקעֶן, װײַל אִיך פעֶרשטעֶה, װי נידעֶריג אִיך בּין, אָבּעֶר דאָס װאָלט דאָך געֶקעֶנט זײַן פאַרקעֶהרט, װעֶן נוּר... װי שװעֶהר מִיר אִיז צו פעֶרשטעֶהן, אַז אִיהר װאָלט געֶקעֶנט זײַן מײַנעֶ. דאָס אִיז מײַן גליק, מײַן זעֶלעֶ, מײַן רעֶטונג. געֶהט אִיהר אַװעֶק פון מִיר, פעֶרליר אִיך אױך מײַן לעֶבּעֶן... אַה!... פון דעם געֶדאַנקעֶן װעֶרט דעֶר שאַרבּעֶן פון מײַן מוח צושפּרונגעֶן...

זשעֶניעֶ. (איז געשטאנען די גאנצע צייט ווי פערשטיינערט, עטליכע מאהל האט י איהם געוואלט אפהאלטען, אין איהרע אויגען איז געווען אנ'אויסדריק ווי זי וואלט זיין א שרעקליכער שאטאן) שװײַגט! אָ, שװײַגט! אִיך קעֶן אײַך נִישט הֶערעֶן, אִיהר לײַגט אױף מײַן האַרצעֶן שטײנעֶר... דאָס אִיז אוּנמעֶנשליך.

מאַרקוּס. אִיך פִּיהל, אַז אִיך זינק אײַן... אִיך שרײַ צו אײַך... רעֶטעֶט! האָבּ רחמנות! (כאפּט איהר פאר די הענד) אִיהר מוזט פעֶרשטעֶהן, אַז אױסעֶר אײַך זעה אִיך פאַר זיך קײַן װעֶלט נִישט, אִיך פִּיהל נישט קײַן לעֶבּעֶן... פאַרשטעֶה מִיך, זשעֶניעֶ, (שרייט) דעֶר'הרג'עֶ מִיך נישט, האָבּ רחמנות! האָבּ רחמנות! (פאלט איהר צו די פיס).

זשעֶניעֶ. אִיהר זעֶנט מְשׁוּגָעֶ געֶװאָרעֶן...

רחל. (קומט אריין, בייז צו זשעניען) ניכטסװירדיגעֶ... װאָס האָסט דו געֶטהון מִיט מײַן זוהן, מִיט מײַן מאַרקוּסלעֶן? מאַרקוּסעֶל! (וויינט ביטער).

זשעֶניעֶ. (געהט צו צו רחל'ן, אומארמט זי) פעֶרצײַהעֶט מִיר, אױבּ אִיהר קעֶנט...

רחל. (שטופט זי פון זיך) געֶהט אַ װעֶק, אִיהר פאַלשעֶ!...

מאַרקוּס. (ביטערליך) מאַמעֶ!..

זשעֶניעֶ. (שטארק אויפגערעגט, צו מארקוסען), געֶנוּג! אױף מײַן עֶהרעֶנװאָרט... אִיך װעֶל קײנמאָהל נישט צוגעֶהן צו אײַך!.. (אב).

רחל. (געהט צו צו מארקוסען, וועלכער זיצט און האלט זיך מיטביידע הענט אין די האר) מאַרקוסעל, מיין קינד!

מרקוס. (שטויסט זי ווילד פון זיך) גערה אַוועק פון מיר! (רחל בלייבט שטעהן ערשטוינט, געהט שאקעלדיג עטליכע שריט און פאלט אויף דער קרעסלע מיט א שרעקליך געוויין. מארקוס געהט צו צו איהר) מאַמאַשענקאַ! פערצייהע מיר! איך ווייס ניט וואָס איך טהו, וואָס איך רעד ... מיין נשמה איז אין א פינסטער-ניש (רחל וויינט שטארקער). מאַמע וויין נישט, אויב דו ווילסט ניט, אַז עס זאָל עטוואָס שרעקליכעס געשעהן! ...

רחל. ניין, ניין! (ווישט אפ די טרעהרען) איך וויין נישט מעהר, וועסט מעהר נישט זעהן קיין טרעהר, דיין מאַמע וועט קענען זיין פריילין, אַז מיין קינד דאַרף עס. (פאולא, קומט אריין מיט א בוך אין דער האנד).

פאולא. דאָ אויך אַ געוויין? וואו אַנטלויפט מען פון אייך? דאָר-טען זיצט בעהאַלטען!... עס איז ניט אויסצוהאַלטען.

רחל. וואָס האָסטו עס נאָך דיך אַריינגעבראַכט...

מאַרקוס. יאָ, פאולאַ, עס איז ניטאָ וואו צובעהאַלטען זיך, עס איז שווער. (אונטער די קוליסען שפילט די פיאנע א טרויעריגע מעלאדיע).

פאולאַ. אַ צינד האָט יענע אָנגעהויבען ברינזשען ... מ'דאַרף מאַכען אַנ'ענדע פון אַזאַ לעבען ...

רחל. הער אויף, דיין לעבען הייבט זיך ערשט אָן.

פאולאַ! יאַ עס שטעהט פאַר אַ סאַך שמוץ... דאָס לעבען.. עס שטעלט זיך מיר פאַר ווי מען פאָהרט אין אַ שמוציגען וואַגאָן, אַי-בעראַל אָנגעוואָרפען, אַיינגעשמירט, פון די פענסטער בלוזט... אַלעמען איז קאַלט, אומעטיג, אַלע זעגען בייז, איינער אויף דעם אַנדער'ן...

רחל. נו גענוג שוין, גענוג...

פאולאַ. (הערט ניט) מיעד זענען מיר שוין צו פאָהרען... דער קאָפּ טהוט וועה, די פיס ברעכען... און מיר פאָהרען און פאָהרען... אַרום איז לעהר... וויסט...

מאַרקוס. (פערטראכט) לעהר און טויט...

פאולאַ. נור מיר ווילען נישט אַרויסשפרינגען, ווייל מר זענען שרעקעדיג...

מאַרקוס. יאָ שרעקעדיג...

פאולאַ. אומגליקליכע... מיט אַנ'אייביגע מכה אין דער זעעלע...

רחל. לאָז דיר שוין זיין גענוג! (שלעפט זי), גערה פון דאַנען... עס איז שוין ניט אויסצוהאַלטען (שלעפט זי), אַרויס, אַרויס פון דאַנען.

פאולאַ. ווייסטו וואָס, מאַרקוס, זאָלען מיר זיך אָנשכור'ן.

רחל. האָסטו געזעהן אַביסעל! (שלעפט זי).

פאולאַ. אַזוי, אַז מיר זאָלען גאָדר נישט פיהלען, גאָר נישט פאַרשטעהן, אויף טויט שכור... (מיט רחל'ן אב).

מארקוס. (אליין אונטער די קוליסען. עס שפיעלט דער פארטעפיאן), יא, דער הימעל איז גרוי... א שלעכטער הימעל... אזוי פערוואלקענט... עס שרעקט מיך... ארום די וויסטע... יא,— וואס איז מיט מיר? איך רייד שוין אליין צו זיך, א שלעכטער צייכען... ב'ר'ר'ר! ס'ווערט קאלט... (קוקט אין די טהיר, וואו זשעניע איז ארויסגעגאנגען) זי שרייבט... איינזאם, לעהר... שלעכט... (קוועטשט זיין קאפ צום פענסטער. עס קומען אריין ליעווא באטעלמאן און פאשא)

ליעווא. (זעהט נישט מארקוסען) הער אויס, קעצעלע, רוף מיר אריין די מאדאם זינא באטעלמאן.

פאשא. ווי אזוי זאל איך זאגען?

ליעווא. (קוקט אויף איהר מיט א שמייכעל) זאג איהר, אז דו האסט שעהנע אייגעלעך (נעמט זי ארום און קושט א'הר).

פאשא. ע!.. וואס טהוט איהר? (רייסט זיך אויס און אנטלויפט).

ליעווא. (דערזעהט מארקוס'ן) א... מיין טהייערער, מיין שעהנער, מיין ליעבער מארקוסעל, אט, ווען איך האב געוואלט זעהן מיט יעדען אדער פון מיין פערדארבענעם קערפער (קושט איהם).

מארקוס. אמת, ביזט זעהר פערדארבען, א מענש קומט צוגיין צו די ווייב, און קושט זיך מיט א דיענסט-מיידעל...

ליעווא. (אזוי ווי פארוואונדערט) ווער האט זיך געקושט, איך? יא! עס איז טאקע אמת... איך האב זי טאקע יא עפעס אזוי ווי א קוש גע-געבען, נאר עס איז אנארישקייט. וואס איז דען א קוש? נישט מעהר ווי א זעטיגקייט פאר די דארשטיגע ליפען... פערשטעהסט דו מיך? איך האב ליעב די פראסטע מענשען, ביי זיי, ביי די פראסטע, איז דא עטוואס פרישעס, געזונדעס, איך האב דאס ערשט דערפיהלט מיט מיין גאנצע פערדארבענע זעעלע (פאשא קומט אריין).

פאשא. די מאדאם באטעלמאן איז נישטא אין דערהיים (אב).

ליעווא. נישטא אין דערהיים... איין ארבעס דיר אין דער נאז... ניין, ס'איז א ליגען, איך האב אליין געהערט איהר שפיעלען, זי איז אין דערהיים... (געהט צו צום סאמאוואר, טאפט איהם) שוין קאלט, איין ארבעס דיר אין נאז... נור ניש'קשה, איך קען טרינקען קאלטע טהע אויך. (גיסט אן טהיי און טרינקט).

מארקוס. ליעווא! כאטש דו ביזט א טויגעניכטס, נור איך בין צופרידען וואס איך זעה דיך, פונקט אזוי ווי דעם טייפעל, וועלכען מען וויל פערקויפען די נשמה.

ליעווא. גוט! אט הער איך דבורים פון איין אמת'ן גוטען ברו-דער! איך זעה, איך זעה אז דו דארפסט האבען אלעבעדיגען יונג, ער זאל קענען אריינקנאקען אביסעל בראנפען; שוין דא ניט ווייט איז דא א רעסטאראן, דארט איז פערהאן א פיינער רעסטאראן, מיט בעזונדערע

קאַבינעטען, מען וועט אונז אַריינבּרענגען אלסדינג, וואָס אונזער האַרץ וועט נור געלוסטען.

מאַרקוס. (צו זיך) זיך פאַרגעסען ... זיך פערסאַמען מיט אַלקאָהאָל...

ליעוואַ. אוועקפליהען אזוי ווי אויף א לופט-באלאן, וואויל, גוט. מען דארף עמפפאנגען מאָמענטען פון אונזער גיכפאָרגענדיגט לעבען...

(זינגט) ווער עס וויל לעבען וואויל און פיין,
דאַרף גיסען ווייַן אין האַלז אַריין.

אוי, גוט, אוי, פייַן, אַיין ארבעס דיר אין נאָז ... מיר וועלען לעבען, מאַרקוס, אַ גוטען טאָג...

מאַרקוס. (איז די גאנצע צייט געזעסען פערטראכט, ער הויבט זיך פלוצלונג אויף, געהט צו צו ליעוואן) הער מיך אויס, דו פערפאַלענער מענש, איך קען דיך נישט אָנקוקען, ווייל איך פיהל דאָס דו וועסט מיך אַריינשלעפען אין אַיין גרעסער'ן אונגליק. דער טייפעל זעלבסט האָט דיך אַ הער געבראַכט.

ליעוואַ. מיין טהייַער אינגעלע, וואָס פאַלסטו אַזוי אַראָפּ בייַ זיך? נו גוט, דו ביזט אַ שוואַכער מענש, נו וואָסזשע איז? וואָס דאַרף עס דיך אַרען? איך בין אַליין אויך שוואַך ... און איך שטאָלציער מיט דעם... וואָס האַרט מיך? .. יעדער גוטער און אַנשטענדיגער מענש דאַרף זייַן שוואַך. (אין דעם איז א גאנצע פילאזאפיע, איך וועל עס דיר באלד ענטוויקלען) מען דאַרף זיך נור אַרומקוקען אפשר איז דאָ עפּעס, מיט וואָס זיך די נשמה צו דערקוויקען, (קוקט אין בופעט אין די פלעשער און דערזעהט אז עס איז לעהר, גיט א קנאק מיט דער צונג) עק, עק! לעהדיג, אויסגעטרונקען אינגאַנצען, אַיין ארבעס זיי אין נאָז. (נעמט ארויס א פלעשיל בראנפען פון קעשענע) עס איז נאָך גוט וואָס איך טראָג שטענדיג מיט זיך; זעהסטו, מיט דעם פלעשעל צו שייד איך זיך קיינמאָהל נישט ... מען רופט מיך טאַקי אַזוי ... ליעוואַ מיט דעם פלעשעל ... דאָס פלעשעל גיט מיר כוחות, מוט, עפענט מיר מיינע געהירען ... דאָס פלעשעל גיט מיר צונג, קראַפט צום ריידען. מיינסט אפשר, אז דאָס איז פּראָסטע בראנפען? ניין, ברודער, דאָס איז אמת'ע ספּירט (נעהמט א שאל, גיסט אוים אויף דעם פאל און גיסט אן פון פלעשעל און טרינקט אוים) אַ! ... אז מען טרינקט ספּירט, געהט עס ווי געשמירט ... א צינד נא דיר א ביסעלע, נו, טרינק, טרינק, קינד מיינס, טרינק, משוגע'נער, טרינק, איין ארבעס דיר אין נאָז! אַ, אָ, ווילסט נישט פון דער זעלביגער שאָל? נו גוט, וועל איך דיר איבערגיסען אין אַ גלאָז ... (גיסט איבער אין א גלאז) טרינק, ברודער, אַזוי, קנאַק אַריין. (מארקוס טרינקט. פארכלינעסט זיך) ע... ע, קעצעלע, דו ביזט נישט געוואוינט צו שמעקען פּולווער, ניט-קשה, וועסט געוואוינט ווערען. (בעהאלט דאס פלעשעל אין קעשענע) נו הייב זיך אויף, און געה זיך דורך אַ ביסעל איבער'ן צימער, אזוי, איינס, צוויי! איינס, צוויי! נו, א צינד זעץ זיך

אנידער, וועלען מיר דבר'ן ערנסט... איך, ליעווא באטעלמאן, לערען דעם פשט אזוי: דעם שוואכען מענשען לעבט זיך פיעל בעסער ווי דעם שטארקען, די שוואכע זענען אלע גלייך, די שוואכהייט לערנט זיי, אז זיי זאלען זיך פעראייניגען, אז זיי זאלען קוקען איינער אויפ'ן אנדער'ן בארמהערציג, דען ווען דו ביזט אליין שוואך, ווייסטו אויף יענעם שוואכען אויך רחמנות האבען... נישט אזוי, מיין טייבעלע? און וואס איז קראפט, שטארקייט? קראפט צערייצט אנטקעגען זיך, עס מאכט ווי־טענד, פארשטעהסט, מיין טהייערינקער? שטארקהייט צוטהיילט די מענשען צווישען זיך, אבער שוואכהייט נעמט זיי צוזאמען... די שטארקע האבען ליעב א קלאפ צוגעבען, הרג'ענען, שלאגען, און דאס צורייצט דעם המון, אבער די שוואכע דארף מען שטיצען, און מען שטיצט זיי, א יא, עס איז אמת? גיב מיר א פאפיראס, איך האב שטענדיג ליעב צו רויכערען פרעמדע פאפיראסען. (פעררויכערט) אין דער ווירקליכקייט, אז דו ווילסט וויסען, איז שוואכהייט שטארקער ווי שטארקייט, דען די שטארקע ווערען מיעד צו זיין שטארק, און די שוואכע ווערען קיינמאהל ניט מיעד צו זיין שוואך, פערשטאנדע וואו? לעבען אויף דער וועלט, ארעכט, אמת לעבען, לעבען נור די שוואכע, דען זיי ארבייטען, קעמפפען און עקזיסטירען. מיר שוואכע זיצען אין זיי, די שטארקע שלעפען אונז, זאלען זיי שלעפען, כאפט זיי א שווארץ יאהר... זאלען זיי שלעפען, אוי, זענען נאראנים די שטארקע!

רחל. (קומט אריין) שוין, דאנקען גאט, אוועקגעשיקט פאליען אין קאנצערט. (דערזעהט ליעוואן) אוי, פערשלעפטע קרענק... ווי קומסטו אהער?

ליעווא. שוויגער! (מיט פריידע) לעבען זאלט איהר, אט ווען איך האב ליעב מיט מיין גאנץ פער'שכור'ט הארץ...

רחל. נו, נו, שאר זיך נישט צו צו מיר, איך וויים אז דו קענסט.

ליעווא. איך קען, זאל איך אזוי לעבען, איך קען... (א פארט) נעמען אביסעל ספירט אין מויל אריין.

רחל. האסט אונז שוין בעוויזען וואס דו קענסט. (צו מארקוסען וואס בייסט די נעגעל) מארקוס'ל, בייס נישט די פינגער!

ליעווא. (נעמט ארויס פון דער קעשענע איינגעקייקעלט אין א פאפיער) נעמט, שוויגער, זאל אייך וואויל בעקומען.

רחל. וואס איז דאס?

ליעווא. דאס וואס איהר האט ליעב, לעקעכלאך אויף האניג.

רחל. דאס איז א פערשלעפטע קרענק! ער האט ניט פארגעסען, (צו נעמט דאס פאפיער) איך טאהר עס אבער ניט עסען, איך האב א קאטאר זשעלודאק.

ליעֶוואַ. נאַרישקייטען! שפּייט אויף איהם, דאָס לעֶבּעֶן איז קורץ און בּיטעֶר, דאַרף מעֶן עֶס פאַרזיסעֶן.

רחל. (עסט) מאַרקוּסעֶל, ווילסט עֶטליכעֶ? (מאַרקוס געהט ארום, ענטפערט נישט) זעֶה נור, אין דרויסעֶן איז ווינטעֶר, און עֶר געֶהט אין אַ זומעֶרדיגעֶן זשאַקעט, צו וואָס בּיזטו געֶקומעֶן? האָסט דיך מן הסתם פעֶרשוּלדיגט בּיז אִיבּעֶר'ן קאָפּ.

ליעֶוואַ. איך זאָג אַייך שוויגעֶר, פון די קרעֶדיטאָרעֶן איז נישט אויסצוהאַלטעֶן, יעֶדעֶר וויל בּעֶקוּמעֶן געֶלד, עֶס איז אַנ'אוּמגליק מיט זיי, יעֶדעֶרעֶר זוכט נאָר דאָס קעֶרבּעֶל... וואס וועט זיין די ענדעֶ דעֶרפון? וואוהין געֶהעֶן מיר?

רחל. געֶה בּעֶסעֶר אַרויס, ווארום זיגמוּנד וועֶט קומעֶן, וועֶסט דו האָבּעֶן אַ שוואַרצעֶן סוף.

ליעֶוואַ. איך ווייס דאָך, אַז דעֶר בּעֶר איז נישט דאָ אַ צוּנד.

רחל. וואָס זאָגסט דו?

ליעֶוואַ. ניין, ניין, עֶנטשולדיגט...

רחל. פאַרגעֶס זיך נישט, געֶה בּעֶסעֶר, וואָרום זיגמוּנד וועֶט בּאַלד אַריינקומעֶן.

מאַרקוס. זיגמוּנד, נאָר זיגמוּנד, קיין שריט נישט אָן זיגמוּנדעֶן.

ליעֶוואַ. איך בּין מיך געֶקוּמעֶן געֶזעֶגעֶנעֶן מיט מיין פרוי...

רחל. מאַך זיך נישט נאַריש, און געֶה בּעֶסעֶר...

ליעֶוואַ. עֶס קעֶן זיין, אַז מיר וועֶלעֶן זיך שוין מעֶהר נישט זעֶהן.

רחל. עֶס איז בּעֶסעֶר אַזוי. געֶה שוין געֶה, איך בּעֶט דיך...

ליעֶוואַ. (שטעהט אויף) אַך, איין אַרבּעס אַייך אין דעֶר נאָז אַריין... ס'טהוט מיר בּאַנג... און איך האָבּ געֶוואָלט מאַכעֶן מיט מאַרקוסעֶן אַ געֶשעֶפט...

רחל. (נייגיריג) וואָס פאַר אַ געֶשעֶפט?

ליעֶוואַ. אַ גרויס געֶשעֶפט, אַ טייעֶר געֶשעֶפט...

רחל. העֶרסט, מאַרקוס? וואָס פאַר אַ געֶשעֶפט? זאָג זשעֶ!

ליעֶוואַ. וואָס זאל איך אַייך זאָגעֶן? אַז אי ר טרייבּט מיך פון דאַנעֶן.

רחל. ווער טרייבּט דיך? זיץ! נו, זאָג שוין.

ליעוועֶ. אַ גרויסעֶ ירושה איז געֶבּליבּעֶן פון מיינעֶ אַ מומעֶ, און איך האָבּ אַלעֶ דאָקומעֶנטעֶן...

רחל. עֶס קעֶן ניט זיין, דו נאַרסט אונז...

ליעֶוואַ. זאָל מעֶן מיך לעֶבּעֶדיגערהייט בּעֶגראָבּעֶן, אויב איך זאָג אַייך אליגעֶן, איך האָבּ שוין אַלעֶ פאַפּירעֶן, און אַז איך מיט מאַרקוסעֶן וועלעֶן געֶווינעֶן דאָס געשעֶפט, איז עֶר גליקליך...

רחל. מאַרקוסעל, דאָס דאַרף מען איבערקוקען, נישט אַלע מאָהל זאָגט ער ליגענס. עס קען זיין אַ מאָהל אמת אויך...

ליעוואַ. (נעמט ארוים פאפירען, ווייזט מארקוסען) אָט, קוק דורך — גיב נור אַ פּאַפּיראָס (פּעררוויכערט) איהר וועט זעהן, שוויגער לעבען, אַז איך מיט מאַרקוסען וועלען רייך ווערען קורח'ס אוצרות, וועלען מיר האָבען.

רחל. וואַרט אויס, איך וועל באַלד וויסען דעם אמת (געהט צו צום טישעל, נעמט ארוים קארטען און צולייגט זיי אויפ'ן טיש) ווי באַלד עס וועט אויס קומען איז גוט.

ליעוואַ. נור איין זאַך: עס פּעהלט מיר אויף רייזע שפּייזען... כאָטש די אַדוואָקאטען האָבען מיר געוואָלט אַלסדינג אויסלייגען... נור איך האָב נישט געוואָלט, איך דאָב מיר געטראַכט: בעסער זאָל מאַרקוסעל אָנלייגען פולע קעשענעס.

רחל. זעהר גלייך האָסטו געטהון.

ליעוואַ. ס'איז אַ קלייניגקייט, איך האָב ליעב מאַרקוסען, ווי מיין גאַנץ לעבען.

פּאָליאַ. (קומט אריין) איך האָב זיך אומגעקעהרט, איך וועל נישט געהן אויף דעם קאָנצערט, דאָרט איז אויך אומעטיג. (רחל קוועטשט מיט די פלייצעס, פאשא טראגט דורך דעם מאנטעל מיט די הוט אין צימער, צוריקגעהענדיג נעמט ז דעם סאמאוואר, געהט אב).

ליעווא. אָט... אָט... אָט דו, ווען איך האָב שטענדיג ליעב געהאַט ווי מיין לעבען (גיט איהר די האנד).

פּאָליא. איהר האַלט נאָך אַלץ אין איין שיכור'ן, איך בין אייך מקנא, אריין געהן אין אַ טראַקטיר, טרינקען בראָנפען, ביער; עסען הערינג, אוגערקעס, גאַליער; האַלטען אין איין עסען און טרינקען, און פון קיין זאַך נישט דענקען... דאָס דאַרף זיין זעהר גוט...

ליעוואַ. גאַליער, הערינג, אוגערקעס, דאָס איז זעהר גוט, אָבער בראָנפען, פּע!.. איך טרינק שוין נישט מעהר קיין בראָנפען... נור ספּירט...

רחל. געה בעסער, פּאָליע, און שיק אַריין אהער זינא'ן, זאָל זי אַריינקומען אויף איין מינוט.

פּאָליאַ. זאָל זיין ספּירט, אַלס איינס, אבי ס'זאָל ברענען (אב).

ליעוואַ. שוויגער, איהר זאָלט לעבען ביז אין טויט אריין, (קוועטשט איהר האנד).

רחל. לאָז צורוה. עפּעס פאַלט גאָר נישט אויס.

ליעוואַ. (קוקט די קארטען) ווייל איהר טהוט נישט ווי מען דאַרף מ'דאַרף דאָס מאַכען „היימיש".

רחל. ווי אזוי?

ליעוואַ. אָט אזוי, (ווי א פאקוסניק ווארפט קארטען) דערנאָך אזוי, און אזוי, זעהר איינפאך.

רחל. וואָס טהוסטו? דו לייגסט דאָך דעם וואלעט אויפ'ן ביינטעל!

ליעוואַ. אָט אזוי געהט דאָס לעבען, דאָס הייסט „היימיש", איינס, צוויי, דריי, און פאַרטיג. אָט איז אויסגעקומען, אז מיר וועלען זיין מיט מארקוסען רייך.

רחל. מאקי אויסגעקומען, אוי, דו פערשלעפטע קרענק! (פאליע קומט מיט א בוך אין האנד) די פערוויינטע צורה האָט זיך פערשלאָסען ביי זיך אין צימער.

ליעווא. אַך... איין ארבעס אין דער נאָז.

פאָליאַ. זשעניע לאָזט זי נישט.

רחל. (בייז) זי לאָזט ניט, וואָס הייסט, זי לאָזט ניט?

ליעוואַ. מיין טייערע זינאָטשקע האלט מען דא גאָר אויף א קייט?

רחל. דאָס איז שוין צופיעל, איך וועל באלד אליין צו איהר געהן (אב).

פאָליאַ. ווען איך בין אויף זינאַ'ס ארט, וואָלט איך דוקא ארויסגעגאנגען, אויף צו להכעיס זיי...

ליעוואַ. איהר זענט א צאצקעלע (וויל זי ארומנעמען, זי שטופט איהם אוועק).

פאָליאַ. לאָזט מיך אָפּ... די זשעניע הייבט שוין אָן דאָ צו קאָמאנדעווען, עס עקעלט צו קוקען.

מארקוס. פאליא, האלט דאָס מויל!

פאליא. דו אליין לויפסט איהר נאָך, אזוי ווי א הונד, אומגליקליכער פערליעבטער...

מארקוס. שוויג, פסיכאפאטקע!..

פאָליאַ. אידיאָט!

ליעוואַ. (צווישען זיי) קינדערלעך מיינע, פייגעלעך מיינע, קריעגט אייך נישט.

פאָליאַ. גאָט מיין גאָט, ווי דאָס איז אלסדינג פערדאָרבען, נאַריש, פויל! (אב).

ליעוואַ. מאַרקוסעל, מיין טייערינקער, איך וויים די גאַנצע טראַגעדיע פון דיין הארץ... דער פעטער אלטער האָט מיר אלסדינג פערצעהלט, נור פאַל ביי זיך נישט אַראָפּ, די פרויען בייטען זיך איבער יעדער מינוט, אַזוי האָט געזאָגט א גרויסער למדן, ווי אַזוי ער הייסט, געדענק איך נישט. (קלאפט איהם אין פלייצע) הער אויף, קעצעלע, זיי

פרעהליך, צוצוקעל מיינס, זיי פרעהליך, איין ארבעס דיר אין גאָז... (עס קומט אריין רחל און זינא).

רחל. (אין טהיר) זי דארף זיך געזעגענען מיט איהר מאַן, ווי אזוי פאַרשטעהט איהר דאָס ניט, ער איז דאָך ניט קיין פרעמדער...

ליעוואַ. (געהט צו צו זינא) זינאָטשקע, מיין טייבעלע! (זינא שטעהט אראפּגעלאזט דעם קאָפּ).

רחל. קום, מארקוסעל, זאָלען זיי זיך דאָ. (צו ליעוואן) אָבער ניט לאנג. (אבגעהענדיג מיט מארקוסען) וואָס זאָגסטו, מארקוס, ווי אזוי איז אין זיינע פאפּירען? איז דאָס אמת?

מאַרקוס. אך, מאמע, כ'לעבען עס ארט מיך יעצט קיין זאך ניט (אב מיט רחל'ן).

זינאַ. צו וואָס ביזטו געקומען אַ הער!

ליעוואַ. איך האָב צו מיר אליין געזאָגט, אז דאָס גליק קומט נישט צו מיר, מוז איך קומען צום גליק.

זינאַ. זאָג גיכער וואָס דו דארפסט, און געה, מיין הארץ איז מיר נישט אויף קיין אָרט...

ליעווא. (רוקט איהר צו א קרעסלע) זעץ דיך, מיין טייערער ענגעל...

זינאַ. ניין, געה פון דאנען, געה, אום גאָטעס-ווילען!

ליעוואַ. (זעצט זי) אָט, דאָ האָסטו א קרעסלע.

זינאַ. אך, גאָט מיין גאָט.

ליעוואַ. יעדעס שאָץ האָט זיין פלאַץ. (זעצט זיך נעבען איהר) ווידער אין איינעם מיט מיין טייער ווייבעלע (קושט זי).

זינאַ. עס שמעקט פון דיר בראָנפען.

ליעוואַ. און פון דיר מיט אַ דע קאלאָן...

זינאַ. טרינקסט נאָך אלץ?

ליעוואַ. ניין, איך גיס... מיינסט אפשר, אז דאָס איז פּראָסטער בראָנפען? ניין, דאָס איז ספּירט, אמת'ער ספּירט, 90 גראדיגער. נאָר ווען דיר געפעלט דאָס נישט, האָב איך מיט זיך געבראַכט מיענטע צוקער-קעס. (נעמט ארויס און לייגט אין מויל א צוקערקע).

זינא. צו וואָס טרינקסטו.

ליעווא. וועגען גוטסקייט, זינא! איך זאָל אזוי לעבען, וועגען גוטסטקייט, אז איך בין ניכטער, האָט יעדער מענש ביי מיר א פנים פון א חזיר... און אז איך שיכור מיך אָן, מעג זיין אפילו א חזיר, איז ער ביי מיר א מענש... איך טרינק אויס ליעבע צו דער מענשהייט... אין טיפען אָבגרונד פון שלעכטקייט זוך איך גוטעס... אזוי ווי א געוויסער תלמיד-חכם האָט געזאָגט, און אפשר ניט קיין תלמיד-חכם, כ'געדענק נישט...

זינא. ווען ווערסטו שוין אויפהערען צו פיהרען אזא אבשיילי־
כעם לעבען ?..

ליעוואַ. ווער קען דאָס וויסען, קעצעלע? היינט לעבט מען און
מאָרגען גיט מען זיך אַ ציה אויס, און אַ גוטען טאָג פון ר' ליעוואַ
באַטעלמאַן ... (נעמט איהר האנד) אַ שעהן רינגעל ביי דיר, אַ וואויל שטיי־
דעל! (נעמט אראפ פון איהר פינגער).

זינאַ. טשעפּע ניט דאָס, ס'איז איין אַנדענקונג פון מיין פאָטער.

ליעוואַ. עס דאַרף נישט ביליג קאָסטען. (גיט א זיפץ) עס וועט
צונויף קומען (לייגט עס אין קעשענע).

זינאַ. וואָס טהוסט דו?

ליעוואַ. איך נעם עס צום אַנדענקונג פון מיין טייער ווייבעלע.

זינאַ. גיב אָפּ, פערדאָרבענער מענש.

ליעוואַ. זינאָטשקע, ווען איך זעה דיך, גלוסט זיך מיר ווייגען...
(שטרענג) דו וועסט קומען צו מיר? יא?

זינאַ. ווידער אַ מאָהל?

ליעוואַ. זאָלסט וויסען, זינאטשקע, טייערע, אַז איך בעקום
אַ ירושה און מיר קויפען אַ הויז, מיר וועלען ווערען בעלי-בתים, און איך
מיט דיר...

זינאַ. קיינמאָהל נישט! צווישען אונז וועט שוין גאָר נישט מעהר
זיין. (וויל אויפשטעהן, ליעווא האלט זי ביי דער האנד).

ליעוואַ. דו וועסט קומען, דו וועסט וויינען און קומען.

זינאַ. קיינמאָהל אין דער וועלט נישט!..

ליעוואַ. (זעצט זיך אנידער) מאָרגען האַלב אכט... און זעה, פאַר
מיר צו קריגען געלד, איך דאַרף זעהר נעהטיג, דו הערסט?

זינאַ. לאָז מיך!

ליעוואַ. (האלט זי צו) פּינקטליך האלב אכט! זעה, אז דו זאלסט
נישט פארשפּעטיגען.

זינאַ. דאָס וועט קיינמאָהל נישט געשעהן! ווידער מיט דיר?
ניין! וועניג האָב איך דורך דיר געליטען? די אויגען פלעגען מיר ניט
אויסגעטריקענט ווערען... אויף יעדען שריט און טריט פלעגסט דו
מיך פערביטען אויף אנדערע.

ליעוואַ. זינאטשקע! אפילו שטערען פון הימעל פאלען אויך...
און די זון האָט אין זיך אויך פלעקען...

זינא. שווייג! איך בין שיער נישט געשטאָרבען פאר בושה, ווי אזוי
דו האָסט זיך געפיהרט... אז...

ליעוואַ. זינאטשקע, מיין לעבען, דו ביזט אליין שולדיג אין
דעם, דו האָסט מיך צו ווינציג ליעב געהאט...

זינאַ. לאָז מיך אויפשטעהן.

ליעווא. (האלט זי) דו ביזט אונשולדיג. אזוי ווי 40 טויזענד פיצ-לעך קינדער.

זינא. (רייסט זיך) לאָז מיך.

ליעווא. (קעהרט זיך פלעצליך אוים צו איהר מיט דעם רוקען) ווער לאָזט דיך ניט?..

זינא. (געהט און קעהרט זיך אום) זיי געזונד!...

ליעווא. (זינגט).

זינא. זיי געזונד! הערסט ניט?

ליעווא. (זינגט, קוקט אין פענסטער).

זינא. (געהט צו צו איהם) וואָס? ווילסט זיך ניט געזעגענען מיט מיר?

ליעווא. (קעהרט זיך אום צו איהר) זינאָטשקע! עס טהוט מיר שרעק-ליך באַנג, מיין האַרץ ווערט צוריסען אויף דיר קוקענדיג, איך ווייס דאָך ווי דו ווילסט זיין מיט מיר, אָהן מיר קענסטו נישט לעבען.

זינאַ. ס'אַליגען... איך...

ליעוואַ. אמת, אמת, איך ווייס בעסער פון דיר דיין האַרץ, מיין זינאטשקעלע איז נאָר בעשאַפען געוואָרען צו לעבען מיט אזא מאַן ווי איך בין. בעטראכט נור, וואָס איז דיין לעבען אַצינד? דו גיסט אוראָקען, שפיעלסט סאָלפעדזיעס, ארפעדזיעס, און נאָך דער שוואַרץ יאָהר ווייסט וואָס. עס קען זיין, אז דאָס איז שעהן און פיין, אָבער דאָס איז נישט קיין לעבען, נור אַקנעטעכטס. איין לעבען קענסטו נאָר מאַכען מיט מיר. אמת, אַ מאָהל בין איך אויף צרות, כ'בין אין דר'ערד ווי גרויס איך בין... נור דו האָסט מיך פאָרט ליעב, אַיאָ, זינאטשקע, דו האָסט מיך ליעב?

זינאַ. אוי גאָט, כ'וועל עס נישט אויסהאַלטען...

ליעוואַ. די לעצטע צייט האָב איך דיך זעהר ליעב בעקומען, איך שלאָף נישט אַ דורך רוהיג די נאַכט, כ'זאָל אַזוי לעבען...

זינאַ. לייג העכער דאָס קיססען, וועסטו אנשלאָפען ווערען...

ליעוואַ. יאָ, יאָ, מיין קעצעלע, איך וועל לייגען דאָס קיסטען ווי אַזוי דו וועסט נור וועלען, (קושט איהר האנד) איך האָב ליעב צו קושען מיט מיינע זינדיגע ליפען די ווייכע, וואַרעמע, אונשולדיגע הענטעלעך.

זיגמונד. (קומט אריין, דערזעהט זיי, ווערט ער בייז. ער ווייזט ליעווא'ן אויף דער טהיר. זינא אב).

ליעוואַ. איך וועל דיר זאָגען דעם אמת, אַז דאָס איז זעהר אונמענשליך. דו קוקסט אויף מיר אַזוי ווי עפּעס אויף איין ארעסטאַנט, און איך בין אַ פשוטע שטילע חיה. אזוי שטראָפען אַ מענשען דערפאַר נאָר, ווייל ער האָט אַ שוואכהייט און האָט ליעב אַ ביסעלע בראָנפען, דאָס איז אונבאַרמהערציג...

זיגמונד. נישט איך וועל דיך שטראָפען, דו וועסט אָהן מיר

בעשטראָפט ווערען. איך האָב פאַר דיר אַזוי אויך צופיעל געטהון, און יעצט וועל איך אויך בעצאָהלען דיינע חובות.

ליעוואַ. מיט אַ בעדינג דאָס איך זאָל זיך גט'ן מיט זינאַ'ן? אַ שווערער שטיקעל אַרבייט האָסטו גענומען אויף זיך.

זיגמונד. וואָס עס זאָל ניט זיין, מוז איך מיינס אויספיהרען, ווילסטו מיט גוטען איז גוט, אלא ניט, וועל איך דיך צווינגען.

ליעוואַ. זיגמונד, איך שווער דיר, אַז איך בין אַ גוטער מענש, כ'וואָלט די גאַנצע וועלט געוואָלט צודריקען צו מיין האַרצען.

זיגמונד. דאָס איז זעהר פיין פון דיין זייט, נור עס איז בעסער, וואָס ווייטער דו וועסט זיין פון אונז. ווען איך קען דיך פערשיקען אויף סאַכאַלין, וואָלט איך עס געטהון מיט פאַרגניגען.

ליעוואַ. אויף סאַכאַלין, חאַ, חאַ! איך האָב ליעב צו ריידען מיט אַ קלוגען מענשען, ווייל אַ קללה פון אַ קלוגען איז בעסער ווי אַ ברכה פון אַ נאַר, ווי דער תלמיד-חכם האָט געזאָגט. נור בערעכען, מיין טייערער, אַז מען וועט אַלע אַזעלכע ווי איך פערשיקען אויף סאַכאַלין, ווער-זשע וועט בלייבען אויף דעם מאַטעריק?.. בערעכען נור, מיין קלוגעטשקער, איין זאַך: מ.ט וואָס בין איך שולדיג וואָס איך בין אַ טוי-געניכטס? קוק דיך צו, אין יעדען פון אונז זיצען גאַנצע דורות, פאָטער, מוטער, זיידעס, באָבעס, אין אַלדע שוואַרץ יאָהר, זיי אַלע וואַרפען זיך אין מי, גראָבען זיך, שטופען מיך יעדערער אין אַ אַנדערע זייט; יעדער פון זיי האָט גערעכענט פאַר אַ חוב, מיר איבערצוגעבען אַ שטיקעל שגעון. נו, באַרעכען-זשע, קען איך נאָך דעם אַלעמען זיין איין אַנשטענדיגער מענש?

זיגמונד. דאָס זעהט מען, אַז דו קענסט ניט; דערפאַר פער-לאַנג איך, אַז דו זאָלסט מיט אַלע דיינע זיידעס און באָבעס געהן צום טיי-פעל... (עס קומען אריין רחל און מארקוס).

מאַרקוס. ליעוואַ! איך מיט דער מאַמע בעטען דיך, אַז דו זאָלסט בלייבען היינט ביי אונז.

רחל. יא, יא, מיר בעטען דיך.

זיגמונד. וואָס איז דאָס, אַ דעמאָנסטראַציע?

רחל. קום, ליעוואַ, צו מיר אין צימער, איך וועל הייסען שטעלען דעם סאַמאָוואַר. איך דענק, אַז ביי זיך אין צימער מעג איך זיין בעל-הבית'טע. (צו ליעווא'ן) קום! (אב).

ליעוואַ. שלמה המלך האָט געהאַט טויזענד ווייבער, און דו פאַרגינסט מיר אַפילו ניט איינע. (אב נאך רחל'ן).

מאַרקוס. דו ווילסט אַז אַלע זאָלען טאַנצען נאָך דיין סטרוי, נאָר דאָס וועסטו ביי אונז ניט פועל'ן. (וויל געהן).

זיגמונד. ווארט אויס... ווארט אויס, זאָג איך! (מארקוס בלייבט שטעהן)

איך מוז דיר זאָגען, מארקוס, דאָס ווייטער קען דאָס נישט אַזוי געהן. יעדעס ווארט דיינס איז פול מיט האַס צו מיר, דאָס איז שוין די בעסטע אורזאַכע, דאָס מיר זאָלען ניט זיין צוזאַמען...

מאַרקוס. איך פערשטעה, דו ווילסט, הייסט דאָס, מיך אַרויס־וואַרפען פון דאַנען. וואָס־זשע? דאָס איז דיין רעכט. דאָ איז אַלסדינג דיינס, איך עס דיין ברויט... איך זיץ דיר אויפ'ן האַלז... איך בין דיין אומזיסטיגער פרעסער...

זיגמונד. וואַרף אַוועק דיין בעליידיגונגס טאָן. איך רעד מיט דיר אַזוי ווי מיט אַ מענשען. מיר ביידע קענען נישט וואוינען צוזאַמען ביי אַ זעלכע אומשטענדען, דאַרום האָב איך געפונען איין מיטעל צו דעם: נעם ביי מיר געלד און פאָהר ערגעץ אַוועק.

מאַרקוס. דו ווילסט זיך אָפּקויפען פון מיר: גיעסט מיר אָב־טרעטגעלד.

זיגמונד. דער טפּעל ווייסט וואָס דו רעדסט!

מאַרקוס. (הייס) קיין גראָשען וועל איך פון דיר נישט נעמען, ווילסט מיך אַרויסטרייבען, טרייב מיך אַרויס און גענוג.

זיגמונד. דו ווילסט ניט פאַרשטעהן, דו אונזיניגער, דאָס דו פיינטסט זיך אַליין, דו אַליין האָסט זיך געבראַכט צו אזא צושטאנד דאָס דו קענסט ניט אַרבייטען, קענסט נישט דענקען, דו האָסט נישט קיין איינציגען געזונדען אָדער אין זיך, דו וועסט באַלד פאַרליערען די מעגליכקייט זאָגאר צו לעבען.

מאַרקוס. דו פאַרזאָרגסט מיך, חאַ, חאַ, חאַ!

זיגמונד. יאָ דיך, נור דיך, הונדערט מאָהל וועל איך דיר זאָגען דאָס אייגענע, העך מיך אויס, ברודער! דו וועסט אַוועק... וועסט זיין אַליין מיט דיין וועהטאָג און וועסט זיך אליין אויסהיילען, דו וועסט ווערען שטארק ביי זיך, און דאָס איז אין גאנצען. דער האַ־מער פון דעם לעבען הענגט איבער דיר, מייד איהם אויס, און דו וועסט זיין א מענש מיט אלע גלייך. פארשטעה מיך, מארקוס, דאָ האנדעלט יך אין דיין גאנצען לעבען. וואָס קוקסטו מיך אזוי אָן מיט, אזא האס? בין איך דען דיין שונא?

מארקוס. דו? דו ביזט מיין ערגסטער שונא, דו... דו ביזט א גנב דו האָסט ביי מיר צוגעגנב'ט איהר ליעבע און איהר הארץ.

זיגמונד. דו פאַרשטעהסט, וואָס דו רעדסט?

מאַרקוס. דו האָסט ביי מיר אוועקגערויבט מיין ליעבע און אַצינד פאָדערסטו, אז איך זאָל זיך קיינמאָהל נישט זעהן מיט איהר! דאָס איז נידעריג, נידערטרעכטיג!

זיגמונד. אויב אזוי, גוט! מעהר וועל איך מיט דיר ניט ריי־

דען, זאָל זי אליין רעדען מיט דיר. (פאשא קומט אריין) רופט אַריין די מאַמזעל זשעניע. (אב. עס קומט אריין זשעניע).

זיגמונד. זאָגט איהם אַליין, דאָס ער מוז פון דאַנען אַוועק אום זיך צו רעטען, זאָגט איהם, צי עס איז דאָ אַנ'אנדער מיטעל.

זשעניע. (שטעהט לאנג און מוטשעט זיך צו זאגען) יאָ, קיין אַנדער מיטעל איז נישטאָ.

מאַרקוס. זשעניע, זשעניע! וואָס טהוט איהר? איהר מעקט מיך אויס פון דעם צעטעל, פון די מענשען וואָס מעגען אייך זעהן און ריידען מיט אייך?

זשעניע. קיין אנדער מיטעל איז נישטאָ.

מאַרקוס. הייסט דאָס, אַלעס צור ענדע?

זשעניע. דאָס פאָהריגע עקזיסטירט ניט מעהר.

מאַרקוס. גוט, איך געה! איך וועל נישט שטערען אייער רוהע... איהר האָט ביי מיר אלעס אוועקגענומען, נור דערפאר האָט איהר מיר איבערגעלאָזט איין זאך—די מעגליכקייט צו געבען אייך מיין קללה... איהר אלע שטאַרקע, גליקליכע, זאַטע, זאָלט פון דעם גליק זיין פערשאָלטען... פערשאָלטען, דערפאר ווייל איהר האָט מיר מיין זעלע, מיין האַרץ אויף שטיקער צוריסען. איך געה...

זשעניע. (אוואַרף צו מארקוסען) ניין! ניין! איהר טהאָרט ניט אוועקגעהן, איך האָב מורא פאר אַייך. (צו זיגמונד'ן) לאָזט איהם נישט אָפּ, ער וועט נישט קענען לעבען מיט אַזאַ פלאַגע...

זיגמונד. וואָס טהוט איהר? איהר טהוט איהם אָן אַ שטריק אויפ'ן האַלז...

זשעניע. איהר זעהט דען נישט? (צו מארקוסען, ווייך) מיין טייערער, מיין אָרעמער, מוטשעט אייך ניט, לאָ-מיר זיין שטאַרקע, קרעפטיגע! מיר וועלען זיין, אַ יאָ?

מאַרקוס. אוי! אייך איז מיין לעבען גאָר נישט ווערט. שענקט מיר אייער ליעבע! (פאלט אויף די קניע) נארט מיך אָפּ כאָטשש, נאָר איך זאָל מיינען, אַז איהר ליעבט מיך. איך בעט ביי אייך, אַזוי ווי איין בעטלער בעט, אַ נדבה. וואַרפט מיך נישט אַוועק! הערט מיך נישט!

זשעניע. ניין, ניין, איך וועל אייך נישט אַוועקוואַרפען. (צו זיגמונדען) און איהר... וואָס האָט איהר געטהון? קומט אַהער. בעט אייך איבער.

זיגמונד. ניין, עס עקעלט מיך צו זעהן די ערנידערונג פון מענשען. ווי באַלד ער וועט נישט אַוועק, וועל איך אַוועק, דען איך... איך האַס איהם! (אב. זשעניע קוקט א,הם נאך. מארקוס וויינט היסטעריש).

(פאָרהאנג פאלט).

# דריטער אקט.

די דעקאראציע פון ערשטען אקט.

פאליא און יאשע שפיעלען זיך ביידע אין פעטשעלעך.

יאשא, איהר ווילט איך זאל אייך מאכען איין פערגלייכונג? אט האט איהר: א בחור איז געגליכען צו א ציגיינער: היינט איז ער דא און מארגען דארט, (שפיעלען) ניט געטראפען... אצינד איהר. (שפיעלען) נאך א מאהל... וואס-זשע, מארקוס קומט טאקי נישט אהער?

פאליא. ניין, ער קומט נישט.

יאשא. ער וואוינט, דאכט זיך, ביי באטעלמאן אין די נומערען?

פאליא. מען זאגט אזוי.

יאשא. ס'איז אמת? מען זאגט, אז ער האט זיך צוקריגט מיט זיין ברודער איבער...

פאליא. איהר ווילט אנפיהרען פליאטקעס.

יאשא. (קוועטשט מיט די פלייצעס) מיר האט דער פעטער אלטער דערצעהלט. יא, איך האב אייך פארגעסען צו זאגען, אז ער וועט דא היינט זיין.

פאליא. צו שפעט זאגט איהר מיר אן די בשורה, זיי זענען שוין לאנג דא. דער פעטער אלטער זיצט ביי דער מאמע, און די מומע יאכנע זיצט ביי זינא'ן. (זעהט אז יאשע האט פערגעסען צושפיעלען) נו, וו ס שפיעלט איהר נישט? (שטעלט אויס די הענד).

יאשא. אט אצינד, האב איך אייך אין די הענד (שפיעלט).

פאליא. דער פעטער געהט.

יאשא. (גיט זיך אבאפ) וואו? וואו? (פאליא לאכט) איהר נארט מיך אפ...

פאליא. (לאכט) אוי... האט איהר אצינד א נאריש פנים, חא, חא, חא!

יאשא. אייך איז גוט צו לאכען, אבער איך...

פאליא. פאר וואס האט איהר אזוי מורא פאר'ן פעטער?

יאשא. וואס הייסט מורא האבען? נור איך האב פיינט, אז ער הייבט אן צו ריידען, און צו ריידען... וועמען דארף איך הערען? איך האב אייך ליעב און איהר מיך אויך. א יא, איהר האט מיך ליעב?

פאליא. ליעב, שמיעב! איהר דערמאנט מיך אן דער קאץ, וואס איז געגאנגען ארום דער פענדעל מיט סמעטענע און האט מורא געהאט דאס אויפצועסען. וואס דארף מען טענות? איהר נעמט און שטעלט א חופה, און געננוג.

יאַשא. גוּט, איךְ בין צוּפרידען ... נוּר ... (אלטער קוּמט אריין).

אַלטער. אַי ... (וויל זיך גריסען מיט פאליא, דערנאך מאכט ער מיט דער האנד) מיר האָבען זיךְ שוין געזעהען ...

פאליא. יאָ, צוּם אוּמגליק האָבען מיר זיך שוין געזעהען (אב).

אלטער. (בייז) יאשא, דאָס מיידעל וועט קיינמאָהל נישט זיין דיין ווייב ...

יאשא. פאר וואָס ?

אלטער. זי טהאָר נישט אוּן וועט נישט זיין דיין ווייב ...

יאשא. פאר וואָס-זשע ? פאר וואָס ?

אלטער. דאָס מיידעל, וואָס וויל חתונה האָבען, דארף אנדערש ריידען מיט'ן פעטער פוּן זיין פלעמעניק, דען דער פלעמעניק וועט זיין איהר מאן. א ווייב דארף ציטער'ן פאר איהר מאן. דוּ ווייסט, וואָס הייסט א ווייב ? א ווייב איז ... א ווייב אוּן א מאן איז . . . א מאן, פערשטעהסט ...

יאשא. יאָ, אז מען גיט מיר אזוי גוּט צוּ פערשטעהן ... פער־שטעה איךְ.

אַלטער. אוּן אַז דוּ פערשטעהסט יאָ, דאַרפסטוּ פערשטעהן, אַז פאָליאַ קען נישט זיין דיין ווייב, אוּן טהאָר נישט זיין דיין ווייב, וואָרוּם אַ ווייב ...

יאַשאַ. איז אַ ווייב, איך פערשטעה ... (יאכנע קוּמט אריין מיט זינא'ן).

יאַכנע. איךְ וויים נאָך נישט ווי אַזוי דיר געבען צוּ פער־טעהן, אַט אַלטער'ל וועט עס דיר באלד זאָגען. (צוּ יאשען) וואָס שטעהסטוּ אזוי פערטראַכט, יאַשאַ ?

יאַשאַ. ענטשוּלדיג מיר, א גוּטע נאכט! דאָס הייסט, גוּט נאווענד האָב איךְ געוואָלט זאָגען. אַך, איך בין אזוי אוּיפגערעגט, אגוּטע נאכט! (אב).

אַלטער. (צוּ זינא'ן) יאכנע האָט דיר דערצעהלט אין וואָס עס האַנדעלט זיךְ ? פוּן מיין זייט וועל איך דיר זאָגען דעם אמת ... אַ סךְ זאכען געפעלען מיר נישט אין דיין מאן, נוּר איינס געפעלט מיר יאָ: דאָס וואָס ער איז זיךְ מודה אין זיינע שלעכטע טהאַטען.

יאַכנע. ער האָט שטענדיג דיך ליעב געהאט.

אַלטער. אוּן האָט שטענדיג געשעצט דיין גוּטען כאַראַקטער.

זינאַ. יאָ; אָבער וואָס פאַר א לעבען פיהרט ער!

אַלטער. ערלויב מיר דיר צוּ זאָגען איין וואָרט. דאָס אַלעס העננגט אָפּ פוּן דעם, ווי אַזוי מען קוּקט אוּיף דער זאַך. פאַר אַ ווייב דאַרף זיין אַלס איינס וואָס פאַר א מאן זי האָט. דאָס ווייב דאַרף זיין א ווייב, א געטריי ווייב צוּ יעדער צייט אוּן ביי אלע אוּמשטענדען. איךְ וועל נאָךְ זאָגען מעהר: וואָס ערגער דער מאַן איז, איז דאָס

ווייב פיעל מעהר צו בעוואונדער'ן אז זי איז צו דעם שלעכטען מאן א גוט ווייב. ביז וואנען ער לעבט דארפסטו זיין מיט איהם, און אז ער וועט שטארבען וועסטו דאך איהם בעגראבען, נישט אזוי? איז דאך שוין גלייכער מיט איהם צו לעבען און איהם בעגראבען לעבעדי-געררהייט.

יאכנע. אוי, האב איך ליעב צו הערען, ווען מיין אלטער'ל רעדט.

אלטער. דו דארפסט זיך מודה זיין, אז דו וואלסט זיך קיינמאהל נישט צושיידט מיט ליעוואן, ווען ער, זיגמונד, וואלט דיך נישט גע-צוואונגען דאס צו טהון.

זינא. יא... נאר...

אלטער. דו דארפסט נור איינס געדענקען, אז א ווייב דארף אפהי-טען דעם מאן, דען אמאן איז אמאן און א ווייב איז א ווייב... (גיט איהר א בריעף). נו, אצינד נא דיר א בריעף פון איהם. מיר ווייסען שוין וואס עס שטעהט דא. לייען איבער און טהו אזוי ווי דאס הארץ וועט דיר אונטעראגען.

זינא. (לייענט איבער דעם בריעף) אך, גאט, וואס טהוט מען אצינד?

זשעניע. (קומט אריין) א גוטען אבענד, זינאטשקע! (קושט זי) וואס איז דאס פאר א בריעף?

זינא. דאס איז... דאס... איז.

יאכנע. דאס איז שוין אונזער עסק. זינא, געה און בעקלעהר אלעס אליין.

אלטער. יא, אליין מיט דיין הארץ...

זינא. אך, גאט! דער קאפ האט מר אזש אנגעהויבען וועה צ טהון. (מיט יאכנע אב).

זשעניע. איך זעה, אז איהר ווילט דא עפעס אפטהון.. (יאכנע קוקט זיך אום).

יאכנע. אצינד, מיין טייערע, וועלען מיר מיט דיר שמועסען.

זשעניע. מיט אייך האב איך נישט פון וואס צו שמועסען! (וויל געהן).

יאכנע. זיי נישט אזוי איבערגעאיילט, פארגעס וואס איז גע-וועזען. עס האט זיך אצינד אלסדינג איבערגעביטען.

אלטער. אזוי ווי דו זאגסט: דאס פאריגע עקזיסטירט ניט מעהר. מיר האבען געהאט א טעות אין דיר. דו ביזט אסך קליגער ווי מיר האבען זיך פארגעשטעלט.

זשעניע. וואס איז דאס פאר א קאמעדיע?

יאכנע. מיט דיר קענען מיר אצינד ריידען גאנץ אפען.

אלטער. אצינד פארשטעהען מיר, פאר וואס דו האסט אונז אוועקגעווארפען, מארקוסען פערשטויסען, און האסט זיך גענומען צו

זיגמונד'ן. ערשטענס איז ער שוין א מענש ... און אז ער איז א מענש, וועט ער קענען זיין אַ מאַן, און אַז ער וועט פערדינען אַ סך געלד, וועט ער ...

זשעניע. (קריטט זיך נאך) און אַז ער וועט ... און אַז ער וועט ... זאָגט מיר, וואָס פאַר אַ רעכט האָט איהר זיך צו גראָבען ביי מיר אין דער זעעלע.

יאַכנע. מיר זאָגען דען חס ושלום עפּעס שלעכטס? פּארקעהרט, דו האָסט געטהון קלוג, נאָר דו דארפסט זיך נישט נעמען אזוי צום האַרצען.

אַלטער. גיב אַ קוק אויף זיך, ביזט געוואָרען בלייך, אויסגעדאַרט. און צו וואָס טויג עס דיר? דו מיינסט אז זיגמונד פאַרשטעהט נישט? מאָהל דיך אז דו האָסט געקענט אַוועקוואַרפען מאַרקוסלען וואָס ער איז שוין כמעט געוועזען דיין חתן, קענסטו דאָך איהם דערנאָך אויך אוועקווארפען, ווען ער, דאָס הייסט, ווען זיגמונד וועט זיין דיין מאַן; ווייל די פרוי וואָס קען פערבייטען איינעם אויף דעם צווייטען, קען דערנאָך פאַרבייטען דעם צווייטען אויף דעם דריטען און זאָ ווייטער ...

זשעניע. (אויסער זיך) נידעריגע מענשען! מיט וואָס פאר א גיפט פער'סמ'ט איהר מיך? נידערטרעכטיגע!

אַלטער. (מיט דער זעלבע טעמע) דו דארפסט נישט פאַרגעסען, אַז דו האָסט אומגליקליך געמאכט מארקוסען, וועסטו אויך אומגליקליך מאכען זיגמונד'ן, און אַז דו וועסט אומגליקליך מאכען זיגמונד'ן, וועסטו בעגראָבען זיין מוטער, און אז דו וועסט בעגראָבען זיין מוטער, וואָס וועט זיין מיט די קינדער? ניין, זשעניע, מען טהאָר זיך נישט נאָכיאָגען נאָך צוויי האָזען ... (רהל קומט אריין, לויפט צו צו זשעניען, כאפט זי אן).

רחל. וואו איז מיין מארקוס? וואו האָסטו אהין געטהון מיין אומגליקליכען זוהן? (וויינט).

זשעניע. איך האָב דאָך אייך שוין געזאָגט, אַז איך ווייס ניט, איך ווייס ניט און ווייס ניט. (געהט אב אין זיגמונד'ס קאבינעט. זי בעגעגענט זיגמונדען, ער וויל זי פרעגען עפעס, נור זי געהט דורך דורך איהם ניט ריידענדיג. זיגמונד פארשטעהט אז מ'האט זי אויפגערעגט).

זיגמונד. אַ... (בעגריסט זיך קאלט מיט אלטער'ן).

אַלטער. אַ! מיין קינפטיגער קרוב.

רחל. דער אייגענער ברודער איז פערפאַלען געוואָרען דאָס מען ווייסט ניט וואו ער איז אהין געקומען, און ער האָט אין זינען זיינע פאַפּירען.

זיגמונד. (האלט איין זיין כעס) מיר דאכט זיך, אז איהר ווייסט שוין אויך, דאָס ער וואוינט ביי באַטעלמאַנען אין די נומער'ן?

יאַכנעֶ. באַטעֶלמאַן איז שוין פון דריַ טעג אַוועקגעפאָהרעֶן.

רחל. און מאַרקוסעֶל איז שוין אפשר אויף דעֶר וועֶלט נישטאָ, וועֶה איז צו מייַנעֶ אַלטעֶ יאָהרעֶן! (וויינט).

יאַכנעֶ. רחל, רחל, לאָזט זיך ניט אָפּ. (וויל זי אוועקפיהרען).

רחל. צו וואָס איז זי אַריַין צו אונז אין הויז, אָט די זשעֶניעֶ, די פּעֶרלוירעֶנעֶ בריאה, פרעֶג זיי! פרעֶג ווי אַזוי זי איז געֶלאָפעֶן צו מאַרקוסעֶן און איז ביַי איהם געזעֶסען ביז צוויי אַזייגעֶר ביַי נאַכט.

זיגמונד. (גיט א קלאפ אין טיש) מאַמעֶ!

רחל. זי האָט ביַי איהם די נשמה אַרויסגעֶנומעֶן און איז אַוועֶק־געֶגאַנגעֶן, די נידעֶרטרעֶכטיגעֶ, די פעֶרדאָרבעֶנעֶ... (פערהוסט זיך).

יאַכנעֶ. געֶהט, לייגט זיך צו אַביסעֶל.

רחל. נידעֶרטרעֶכטיגעֶ, אַמיתה משונה אויף איהר... (אב מיט יאכנען).

אַלטעֶר. (נאך א פויזע) נישט גוט, נישט גוט...

זיגמונד. וואָס נאָך ווילט איהר?

אַלטעֶר. דו מעגסט זייַן ברוגז אויף מיר, נאָר איך מוז דיר זאָגען... (נאך א פויזע) נישט גוט...

זיגמונד. וואָס נישט גוט?... זאָגט, וואָרום עֶס וועֶרט טאַקי נישט גוט קוקעֶנדיג אויף אַייך.

אַלטעֶר. דו ביזט אַבעֶריהמטעֶר אַדוואָקאַט... דו ביזט אַמעֶנש צווישען מעֶנשעֶן... דאַרפסט זיך וויַיזעֶן צווישעֶן מעֶנשעֶן... און...

זיגמונד וואָס און?.. רעֶדט שוין.

אַלטעֶר. און פאַרשטעֶהסט דאָך, אַז מעֶנשעֶן...

זיגמונד. וואָס מעֶנ־עֶן?..

אַלטעֶר. אַז מעֶנשעֶן האָבעֶן מייַלעֶר... און אַז מעֶנשעֶן האָבעֶן מייַלעֶר, דאַרפסטו פערשטעֶהן אַז זיי ריידעֶן, און אַז זיי ריידעֶן אויף דיר שלעֶכטס, פאַסט עֶס ניט פאַר דיר.

זיגמונד. איך שפּיַי אויף אַזעֶלכעֶ מעֶנשעֶן וואָס טהועֶן מעֶהר נישט נור זיי מאַכעֶן אָן פליאָטקעֶס.

אַלטעֶר. האָסט געֶהעֶרט וואָס די מאַמעֶ האָט געֶזאָגט?.. ביז צוויי אַזייגעֶר ביַי נאַכט.

זיגמונד. נו, וואָס-זשעֶ איז?

אַלטעֶר. (שטארק) ביז צוויי אַזייגעֶר ביינאַכט... איז ביַי דיר גאָרנישט?

זיגמונד. אַפילו אַגאַנצעֶ נאַכט. איך בין זעֶהר דאַנקבאַר זשעניען, וואָס זי טרייסט מייַן ברודעֶר, וואָס זי פעֶר־יילט איהם זייַנעֶ וואונדען...

אַלטעֶר. אַ, ברודעֶרשו, דו מייַנסט אַז דו קעֶנסט זי? ניין, ברו־

דער, דו קענסט זי נאָך גאָר ניט; יענע האָט אַ קאָפּ פון אַ מיניסטער, יענע קען די גאַנצע וועלט פערדרייען, און אַז זי קען די וועלט פערדרייען, וועט זי דיך אויך קענען פערדרייען, אויב זי האָט דיך שוין נישט פערדרייט.

זיגמונד. הערט מיך אויס, ר' אלטער, איך האָב אייך אויסגעהערט ביז יעצט, ווייל איהר זענט אַנ'עלטערער מענש, נור יעצט וועל איך אייך זאָגען, אַז איהר זאָלט ניט שטופּען אייער נאָז אַהין וואו מ'דאַרף ניט, איהר הערט? מאַכט אייך אַ סימן אויף אייער שעהנע נאָז...

אַלטער. (טאַפּט זיך ביי דער נאָז) וואָס האָסטו צו מיין נאָז? אין מיט'ן דערינען די נאָז גאָר? וואָס קעהר זיך דאָס אָן מיט דער נאָז? (נעמט זיין הוט) בעסער גיב אַכטונג, אַז זשעניע זאָל דיך נישט אַרומשלעפּען ביי דיין נאָז... (אַב בייז. זיגמונד געהט איבער'ן שטוב, געהט צו צום פענסטער, עפענט די פאַרטקע און פערטראַכט זיך. זשעניע קומט אַריין מיט אַ פּאַפּיער).

זשעניע. (געהט שנעל צו צו זיגמונדען) וואָס טהוסטו? הײַנט איז אַזאַ פראָסט אין דרויסען, ווילסט זיך פאַרקיהלען?.. (פאַרמאַכט די פאַרטקע).

זיגמונד. איך האָב געוואָלט אַביסעל די לופט ריינער מאַכען נאָך דעם אַלטער'ן...

זשעניע. (נאָך אַלאַנגע פּויזע, ווי זשעניע האָט זיך אַלץ צוגעקוקט נייגיעריג צו זיגמונדען, געהט זי צו צו איהם מיט דעם פּאַפּיער) אָט דאָ פאַרשטעה איך זנישט...

זיגמונד. (רייסט אַרויס דאָס פּאַפּיער און וואַרפט עס אויפ'ן טיש) אוי, לאָז דאָס. (פּויזע) פאַר וואָס האָסטו מיר נישט געזאָגט, אַז דו פלעגסט געהן צו מאַרקוסען? האָסט בעהאַלטען פון מיר...

זשעניע. בעהאַלטען?

זיגמונד. יאָ, יאָ, בעהאַלטען... דאָס האָב איך נישט ערוואַרטעט פון דיר...

זשעניע. (מיט אַ בעליידיגטען טאָן) הייסט דאָס, אַז דו מיינסט אַז איך האָב מורא געהאַט, אַז דו זאָלסט דערפון נישט וויסען?

זיגמונד. איך וויים נור, אַז דו האָסט מיר קיין וואָרט פון דעם געזאָגט.

זשעניע. איך האָב, דאַכט מיר, דאָס רעכט צו שווייגען פון דעם, וואָס איך געפין נישט פאַר נויטיג דיר צו זאָגען.

זיגמונד. איך האָב אָבער דאָס רעכט צו פרעגען פון דעם, וואָס איך דאַרף וויסען? דיך האָט אויך קאַליע געמאַכט די לופט פון מיין הויז.

זשעניע. געפינסט שוין, אַז איך בין קאַליע געוואָרען.

זיגמונד. איך זעה, אַז דאָ איז עפּעס... אַז דו לעבסט איבער

עטוואָס שרעקליכעס. פון אַלע זייטען הער איך נור ריידענדיג אויף דיר און איך וואַרט ... דו זאָלסט מיר עפּעס אַליין אַרויסריידען

זשעניע. שולדיג זענען זיי, דאָס האָבען זיי... און דיין מאַמע...

זיגמונד. מיין מאַמע אויך? (זשעניע וויל געהן) שטעה! איך וויל וויסען אַלעס.

זשעניע. אַלע זענען ענטגעגען מיר ... און איך ... איך האָב געמוזט אַלעס פון דיר בעהאַלטען, מיר טהוט אַליין וועה, וואָס איך דאַרף בעהאַלטען פון דיר דאָס וואָס איך לעב איבער אַצינד, נור אַנדערש האָב איך ניט געקענט טהון.

זיגמונד. פאַר וואָס האָסטו אַנדערש ניט געקענט?

זשעניע. געדענקסט, אַז דיין ברודער איז אַוועק פון דאַנען, האָב איך געפיהלט, אַז איך טהאָר ניט בלייבען גלייכגילטיג צו דעם, און דו...

זיגמונד. און איך האָב מיך געשעהמט פאַר איהם.

זשעניע. דאַמאָלס האָב איך פאַרשטאַנען, אַז מיר וועלען קיין מאָהל נישט פאַרשטעהן איינס דאָס אַנדערע און איך האָב זיך ענטשלאָסען צו טהון אַליין דאָס, וואָס איך האָב געוואָלט טהון מיט דיר אין איינעם...

זיגמונד. און דו האָסט זיך ענטשלאָסען?

זשעניע. יאָ, איך האָב זיך ענטשלאָסען אָנוואַרמען זיין נשמה און אומקעהרען איהם צום לעבען...

זיגמונד. און דו האָסט איהם אומגעקעהרט צום לעבען?

זשעניע. ניין, ניין און ניין; ער פלעגט זיך פּלאָגען, וויינען, ער פלעגט זאָגען דאָס איך האָס איהם...

זיגמונד. און האָט ביי דיר געוויס געפאָדערט נאָך מעהר אָפּפער... אַלס אָבערצייגונג פון דיין מיטלייד צו איהם...

זשעניע. ער האָט געפאָדערט, אַז איך זאָל זיך אומקעהרען צום פריערדיגען... דאַן — דאַן האָב איך געמוזט אוועקגעהן פון איהם. שוין דריי טאָג איז, אַז איך בין אַוועק פון איהם און איך קען זיך קיין פּלאַץ נישט געפינען, איך קען ניט אַרבייטען, איך קען ניט שלאָפען, ווען איך ערינער זיך אין זיין געזיכט ווען מיר האָבען זיך געזעגענט, די אַגאָניע... (פאַלט צו צו זיגמונדען) מיין טייערער, זאָג מיר עפּעס גוטע ווערטע... צושטער מיר מיינע געדאַנקען, צוטרייב מיין מרה שחורה... רעד... רעד, איך וויל פיהלען נור דיך, דיינע געדאַנקען... דיין האַרץ...

(פאַלט איהם אין די אַרמען. מאַרקוס קומט אריין. ער בלייבט שטעהן אויף דער שוועל. דאָס פּנים איז ביי איהם בלאַס, די אויגען רויט, און איין פרעמדען אלטען אנצוג. זשעניע גיט אַ ציטער און געהט איבער אויף דער אנדער זייט).

מאַרקוס. פאַר וואָס קוקט איהר אַזוי אויף מיר? איך בין נאָך נישט טויט. (געהט אַריין) האָט קיין אַנגסט, איך וועל אייך ניט מוטשען...

איך ווייס, אז איך בין דא די פינפטע ראד... (זעצט זיך) איך וועל זיך נור דא אביסעל אפרוהען און דערנאך... (צו זיגמונדען) גיב מיר א פאפיראס, איך וויל רויכער'ן און האב נישט... (זיגמונד גיט איהם זיין פארט-סיגאר, אויסרויכער'ן דעם לעצטען און דערנאך... (זיגמונד גיט איהם א שוועבעלע) מארקוס פעררויכערט, די הענד און די ליפען ציטערן ביי איהם).

זיגמונד. מארקוס, ביזט קראנק, לעג זיך צו, רוה דיך אויס...

מארקוס. אין דער ערד וועל איך רוהען... (רחל לויפט אריין מיט א געשריי).

רחל. קינד מיינס, מיין קרוין... מיין אינגעלע!..

מארקוס. הער אויף, מאמיניו, אזעלכע ווי איך זענען איבעריג אויף דער וועלט... אט זיי... (ציינגט אויף זיגמונדען און זשעניען) זיי דארפען לעבען... אבער איך בין אלעמען איבעריג... שוין צייט! מען דארף זיך ארויסרוקען פון קאהן...

רחל. הער אויף... (צו זיגמונדען) זעהסט, זעהסט, דו האסט איהם דערצו געבראכט, דו...

מארקוס. ניין, מאמע! קיינער איז ניט שולדיג, דאס ראד פון לעבען דרייט זיך, דער האמער הענגט איבער אונז, איך האב געטראפען אין דעם ר ד... דער האמער האט מיך צוגעקלאפט און שוין... דער האמער פון לעבען...

זיגמונד. הער מיך אויס! מארקוס!..

רחל. אוועק פון איהם, דו האסט אויף איהם קיין רחמנות ניט. (איך וועל עס נישט אויסהאלטען), (גיט זיך אוואראף צו זשעניען) אט ווער עס וועט אויף אונז רחמנות האבען, זשעניטשקע! נור דו קענסט איהם רעטען. טייערע, ליעבע! האב רחמנות אויף איהם, אויף מיר. (פאלט צו צו זשעניען און וויינט).

זיגמונד. מאמע, בערעכען נור וואס בעטסטו?

זשעניע. (די טרערען שטיקען זי) איך קען נישט, איך וועל עס נישט אויסהאלטען, דאס הארץ ווערט מיר צושפרונגען... וואס ווילט איהר פון מיר?

מארקוס. מאמע! לאז אפ... איין פאדעם האט מיך געהאלטען ביים לעבען... דער פאדים איז צוריסען און אלסדיג איז געשטארבען. (שטעהט אויף) איך געה אהין... דער הימעל איז העל... די זון שיינט... און איך געה... דער הימעל איז ריין, צו וואס זאל מען איהם פערדונקלען?.. דאס וועט זיין דאס בעסטע... (וויל זיך שיסען. רחל כאפט ארויס ארעוואלווער ניט א געשריי: מארקוס! און פאלט אנמאכט, זשעניע לויפט צו צו איהר, זיגמונד ראנגעלט זיך מיט מארקיסען אויסרייסענדיג דעם רעוואלווער).

מארקוס. דו האסט קיין רעכט. דו האסט מיך נישט געלאזט לעבען, און לאזט מיך אויך ניט שטארבען!

זיגמונד. מאמע! ער לעבט! מאמע, קום צו זיך (צו מארקוסען) שיסען זיך פאר דער מוטערס אויגען... מעגסט זיך שעהמען...

מארקוס. מוטער! א, איך טויגעניכטס! איך האב פערגעסען, אן איהר. מאמע! מאמעטשקע! (וויינט, פאלקענד אויף דער מוטער).

(פארהאנג פאלט).

## פיערטער אקט.

זיגמונדס קאבינעט, לינקס: א גרויס פענסטער, נעבען איהם א שרייב-טיש, רעכטס: א טהיר, אנטקעגען א קאמין, פון איהם רעכטס א טהיר אין קארידאר, לינקס: א טהיר אין זאל, דערנעבען א קליין טישעל, דערויף שטעהט א פלאש וויין און צוויי גלעזער, אויף דער אוואנסצענע אויף'ן טישעל שטעהט דער רעמינגטאן. ס'איז נאכט. דער קאמין ברענט, זיגמונד זיצט און שרייבט, פאליא לייענט א בוך ביים קאמין.

פאליא. (פערמאכט דעם בוך און קוקט לאנג אויף זיגמונדען) זיגמונד! זו מאכסט מיך וויעטענד!

זיגמונד. וואס איז?

פאליא. ווי אזוי קענסטו זיצען שעה'נווייס און אזוי רוהיג ארבייטען.

זיגמונד. רוהיג? נו, איך וואלט דיר נישט געוואונשען אזא רוהיגקייט.

פאליא. הייסט דאס, אז ביי דיר אין הארצען דראפען זיך אויך קעץ.

זיגמונד. יא—און בייזע קעץ.

פאליא. זאג-זשע מיר, זיגמונד, דערצעהל מיר, אפשר וועט דיר גרינגער ווערען.

זיגמונד. ניין, פאליא, איך געפין ניט פאר נויטיג צו עפענען פאר אנדערע מיינע וואונדען (שרייבט).

פאליא. דיך קען מען נישט פערשטעהן... (פויזע).

זיגמונד. (לייגט אוועק די פעדער) זאג נור, פאליא, דו ווייסט געוויס אז זינא איז אוועקגעפאהרען צו איהרע א חבר'טע.

פאליא. אזוי האט זי געזאגט, אויף געוויס ווייס איך ניט. (פויזע) דו זארגסט פאר זינא'ן אויך?

זיגמונד. נישט נור פאר זינא'ן, נור פאר אייך אלע טהוט מיר וועה מיין הארץ. (פויזע) נו, דו האסט חתונה פאר יאשען?

פאליא. דאכט זיך יא, איך וועל טהון דאס נארישקייט...

זיִגמונד. דו האָסט דאָך איהם פּאָרט אַביסעֶל ליעֶב? וואָס פאַר אַלעֶבּעֶן קעֶן דעֶן זיין צווישעֶן אייך? אָהן ליעבּעֶ...

פאַליאַ. איך האָב איהם אַפילו נישט ליעב, נור חתונה האָבּען מיט איהם וועֶל איך.

זיגמונד. צו וואָס?

פאַליא. עֶס זאָל זיין אַביסעֶל היימליכעֶר... (יאשא קומט אריין).

יאַשאַ. איך וועל אייך ניט שטערעֶן?

זיגמונד. קומט אריין, קומט אַריין.

יאַשאַ. (בעגריסענדיג) זאָגט, אפשר וועֶל איך אייך שטעֶרעֶן? וועֶל איך באַלד אַוועֶקגעֶהן. איך האָב שטעֶנדיג מורא איך זאָל ניט זיין יעֶמאַנדעֶן צו לאַסט.

זיגמונד. וואַרפט אַוועֶק די פוסטעֶ טענות. דאָרט שטעֶהט רויטער ווין אויף דעֶם טישעל, טרינקט אַ גלעזעֶל ווין.

יאַשאַ. ניין, איך האָב מורא צו טרינקעֶן ווין, דאָס מאַכט מיך אויפרעֶגעֶנד זעהר (גיט א קוק ווי פאליא לייענט אין דער פינסטער א בוך, צינדט אן א ליכט און טראגט צו פאליא'ן) איהר קעֶנט אזוי זיך קאַליע מאַכעֶן די אויגעֶן... (פאליא פארלעשט דאס ליכט) מיט אַ ליכט איז ליכטיגער...

פאַליא. איך וויל לעֶזען אָהן אַ ליכט, אין דעֶר פינסטעֶר.

יאַשאַ. מ'קעֶן זיך קאַליעֶ מאַכעֶן די אויגעֶן...

פאַליא. צו וואָס דארף איך די אויגעֶן? איך זאָל זעֶהן נור נידעריגע זאכעֶן אויף דער וועֶלט...

יאַשאַ. ווער איז נידעריג? (קוקט זיך א־ום).

פאַליאַ. אַלעֶ, אַלעֶ זענט איהר נידעריג, אומגליקליכע נאַראָנים...

זיגמונד. דאָס ווייזט זיך דיר אויס אַזוי, ווייל דו טהוסט גאָר נישט. נעֶם זיך צו אַיין אַרבייט, וועֶסטו פיהלעֶן אַז דו טהוסט עֶפּעס אויף דער וועלט, און ברעֶנגסט נוצעֶן...

יאַשאַ. א... איך האָב גאָר פעֶרגעֶסעֶן, אַז איך האָב פון פעֶטער אַ בריף צו אייך. (גיט זיגמונדען דעם בריף און געהט צו און רעדט שטיל מיט פאליא'ן, זיגמונד לייענט דעם בריף).

פאליא. איהר זענט שוין געֶוואָרעֶן אַ פּאָטשטאַליאָן בייםפעֶטעֶר?

זיגמונד. (האט אבגעלייענט דעם בריעף. גיט א קלאפ אין טיש) זינא איז אַוועק, ניט צו קיין פריינדין, נור ווי דו האָסט געֶזאָגט, צום מאנן... דאָס האָבּעֶן זיי אויסגעֶארבייט.

פאליאַ. וועֶר?

זיגמונד. ווער? אלטעֶר, יאכנעֶ, די מאמעֶ...

פאליא. ווי נאריש דאָס איז אלסדינג, אז מעֶן בעטראכט דאָס לעֶבען זעֶהט מען, אז אליץ בלייבט דאָס אייגענעֶ ווי עֶס איז געֶוועֶן; דאָ צוגעהט מען זיך, דאָ געהט מעֶן זיך צונויף... אַך... (גיסט זיך אן א גלאז

ווין און ט־ינקט אויס. צו יאשען) קומט דערנאָך אַריין צו מיר, וועלען מיר שפּיעלען פּעטשעלעך (אב).

יאשאַ. קען איך ריידען מיט אייך אָפען?

זיגמונד. ביטע, ביטע...

יאשאַ. איך וועל אייך זאָגען דעם אמת, אַז זייט איך בין געוואָרען אַ חתן בין איך געוואָרען אויס מענש... איך פערשטעה גאָר נישט...

זיגמונד. (קוקט אויף איה:) איך פערשטעה אויך גאָר ניט.

יאשאַ. דער פעטער אַלטער, אַ שטייגער, זאָגט מיר, אַז איך טהאָר נישט חתונה האָבען מיט פאליא'ן: מיר זענען נישט קיין פּאָר... און איך וויל... חתונה האָבען... איך וויל חתונה האָבען... און שרעק מיך... איך בין שטענדיג אַזוי אויפגערעגט.

זיגמונד. געהט-זשע און בערוהיגט אייך פריער און דערנאָך נעמט איהר זיך גוט בערעכענען אויב איהר זאָלט יאָ חתונה האָבען, צ נייען... רחל קומט אריין שטאַרק אויפגערעגט).

רחל. זיגמונד! דו ווייסט וואָס דער רויבער האָט געטהון?

זיגמונד. וואָס פאַר אַ רויבער.

רחל. דער שאַרלאַטאַן, ליעוואַ...

זיגמונד. נו?...

רחל. ווי פאליא האָט מיר דערצעהלט, איז זינא אַהינגעלאָפען צו איהם...

זיגמונד. איך דענק, אז דאָס איז פאַר דיר קיין נייעס נישט געווען?

רחל. (מאכט זיך נישטהערענדיג) בין איך אַריין אין איהר צימער, און שטעל זיך פאָר, אז זי האָט מיט גענומען די גאנצע ציערונג...

זיגמונד. אַ... די ציערונג אינטערעסירט אייך?...

רחל. ווער וואָלט דאָס געקענט אויף איהר גלויבען? דאָס איז דאָך אַ גראַבעזש... דאָס האָט ער זי אָנגערעדט, דאָס מאַנדעלע איהרס... (זיגמונד מאכט זיך נישט הערענדיג, רחל צו יאשען) און דו זייט דו ביזט געוואָרען אַ חתן זאָגסטו אפילו ניט קיין גוט מאָרגען...

יאשאַ. אך... ענטשולדיגט, איך בין אַזוי אויפגערעגט...

רחל. אויך מיר אַ חתן, די כלה זיצט דאָרטען אַליין און וואַרט אויף איהם און ער זיצט דאָ... דו האָסט אפילו קיין פנים נישט פון קיין חתן.

יאשאַ. איך ווייס שוין אַליין נישט וואָס פאַר אַ פנים איך האָב (אב).

רחל. און דו זיצט און שרייבסט! די שוועסטער איז אַהינגעלאָפען און ער זיצט און שרייבט, דו ביזט עפּעס אַ שטיינערנער מענש... פון אַזא ברודער וועלען זיך דאָך אַלע צולויפען...

זיגמונד. נאָך דיינע ווערטער קומט אויס, דאָס איך בין שולדיג וואָס זינא איז אַנטלאָפען צום מאַנן ...

רחל. נישט אמת אפשר?

זיגמונד. (גיט א מאך מיט דער האנד און שרייבט און לייענט) סטאַטיאַ 171 אולאָזשניאַ.

רחל. פונקט אזוי ווי דער טאַטע עליו השלום. יענער פלעגט אויך נאָר נישט ענטפער'ן...

זיגמונד. (שרייבט און לייענט) אָזנאַטשעננאיא סטאַטיאַ פּאַדסודנאַ.

רחל. דו הערסט ניט וואָס מען רעדט צו דיר. פּאַדסודנא, פּאַד-סודנא! (קרימט זיך נאך).

זיגמונד. (שטעהט אויף) ווען עס זאָל נאָר מעגליך זיין, מאמע, וואָלט איך דיך פריער פאר אלע אָבגעגעבען פאַד סוד.

רחל. מיך?

זיגמונד. יאָ, דיך ... דו, נור דו האָסט א תל געמאכט פון דיינע אייגענע קינדער: דו פלעגסט זיי באלעווען, נאָכגעבען אלעס, ווען דו האָסט געזעהען פון זיי א פעהלער, אַ שוואכהייט. און מיט דעם האָסטו פון זיי געמאכט הילפסלאָזע, צודרייטע מענשען. דו אליין ביזט שולדיג וואָס דיינע קינדער זענען אומגליקליכע ...

רחל. דו ביזט פשוט משוגע געוואָרען.

זיגמונד. ניין, איך בין נאָך נישט משוגע, נור איך קען משוגע ווערען, אז איהר אלע ... (פאליא לויפט אריין און לאכט היסטעריש).

פאליא. ח'ח'אַ, חאַ! דער חתן איז אוועק, חאַ, חאַ! אויף שטענדיג, חאַ, חאַ, חאַ! ער וועט זיך שוין נישט אומקעהרען מעהר, חא, חא, חא! א דאנק דיר, זיגמונדעל, דער חתן איז אנטלאָפען ווי איין אָבגעבריטער הונד, א דאנק דיר, זיגמונדעל ...

רחל. הער אויף, פאליא, (וויל זי ארויספיהרען) לאָז איהם צורוה. דער קאָפּ איז איהם ניט מיט דעם פערנומען...

פאליא. נו יא, נו עס פערשטעהט זיך, ניט מיט דעם, וואוהין אנטלויפט מען פון אייך? איך קען ניט אָנקוקען די וועגד, די סטעלע, און מעהר פון אלעס קען איך ניט אָנקוקען דעם עגאיסט (ציינט אויף זיגמונדען) וואָס זיצט גאנצע טעג מיט זיינע פאפירען ווי פערשטיינערט. (זיגמונד רייבט דעם קאפּ און דאס הערץ).

רחל. שוויינ שטיל, נארישקייטען. יאשע וועט זיך אומקעהרען. (זשעניע קומט אריין מיט דעם פארטפעל).

זשעניע. (צו רחל'ן) דאָרט איז מארקוס, געהט צו איהם.

רחל. (פערוואונדערט) איהר זענט ביידע אינאיינעם געקומען? (לויפט אוועק קוקענדיג אויף זשעניען).

זשעניע. (נאך א לאנגע פויזע) זינאַ איז אוועק צום מאַנן? דאָס איז נישט צום גוטען ...

זיגמונד. (האט די גאנצע צייט נאכגעקוקט זשעניען, ער געהט צו צו איהר) מיר האָבען זיך נאָך היינט נישט געזעהן (גיט די האנד),

זשעניע. יאָ... יאָ... (גיט איהם די האנד) דאָס איז אַ מאַגנעט צו אַ צוואַק, אויף וועלכען עס גלוסט זיך אויפצוהענגען... (זעצט זיך צום רעמינגטאן און ארבייט).

זיגמונד. דו רעדסט רעטזעלמעסיגע ווערטער... דאָס איז ניט פּאַסענד פאַר דיר.

זשעניע. צו וואָס איז זינאַ אַוועק פון דאַנען? זי וויל רעטען איהר מאַן! ניין, דאָס קען ניט זיין, זי האָט קיינמאָהל ניט געדענקט פון דעם, ניין, דאָס איז עפּעס אַנדערש, דאָס איז אַזאַ מין אונזין, וואָס שלעפּט מיט זיך אַזוי ווי אַן׳אייזערנע שטריק און קעהרט איבער אַלעס אויף דעם וועג.

זיגמונד. געגען אונזין דאַרף אַרבייטען ביי יעדען מענש דער קאָפּ, וואָס דאַרף קלעהרען אויף דעם, וואָס ער טהוט...

זשעניע. דער קאָפּ? קלעהרען... יאָ... יאָ... קלעהרען... ער קלעהרט.

זיגמונד. (געהט צו צו זשעניען) הער אויף שרייבען, די הענד ציטערען דאָך דיר! (טאפט ביי איהר דעם קאפּ) דו האָסט היץ?

זשעניע. לאָז מיך שרייבען... זעהסט, אָט האָב איך שוין געמאַכט אַ פעהלער.

זיגמונד. זשעניע! דו פערבאָרגסט עפּעס פון מיר, איך זעה אין דיינע אויגען אַנייעם אויסדרוק. מיט אַ מאָנאַט צוריק ביזטו צוגעגאַנגען צו מיר, און דו האָסט מיר אַלעס געזאָגט פריי און אָפען... אַזוי ווי אַלע שטאַרקע מענשען דאַרפען טהון, און אַצינד.

זשעניע. (שרייבט אויף דעם רעמינגטאן) יעוואָ-זו סאָקאָפּרעוואָסכאַדיטעלסטוואָ, וואָס פאַר אַ לאַנג וואָרט דאָס איז!.. (מארקוס קומט אריין מיט רחל׳ן, ער איז פריש און געזונד, אנגעטהון גאנץ ריין, ער האט א יום׳טוב׳דיג פנים).

מאַרקוס. גאָט-העלף, זיגמונד! (דריקט איהם שטארק די האנד, רחל מיט א פריילעכס געזיכט געהט צו צו זשעניען און נעמט זי ארום שטארק. זיגמונד קוקט פערוואונדערט).

רחל. (צו זשעניען) טייערע מיינע, קומט צו מיר אין צימער, איך האָב אייך עפּעס צו זאָגען. (צו זיגמונדען ווייך און שעמעדיג) זיגמונד׳ל, אפשר וועסטו עפּעס עסען? (ער ווייסט ניט וואס צו זאגען) איהר ביידע זענט דאָך מיינע קינדער... (זשעניע געהט מיט איהר) איך בין אַצינד אַזוי גליקליך, אַזוי ווי... כ׳ווייס אַליין ניט וואָס (ביידע אב).

זיגמונד. וואָס איז עפּעס די מאַמע אַזוי ווייך געוואָרען?

מאַרקוס. איך וועל ניט שטערען?

זיגמונד. זיץ, וועלען מיר ריידען. (מארקוס זעצט זיך צום טיש) רויכער! (גיט איהם דעם פּאַפּיראָס, ער פערררויכערט).

מאַרקוס. מיר האָבען זיך שוין לאַנג ניט געזעהן...

זיגמונד. דו ביזט פרישע געוואָרען, דאָס פרייט מיך זעהר ...

מאַרקוס. און דו קעהרסט צו פיעל אַרבייטען.

זיגמונד. וואָס איז דען.

מאַרקוס. דו האָסט אַזאַ מיעד געזיכט, אָדער אפשר ביזטו מיט עפּעס פערזארגט?

זיגמונד. קען זיין ... נור דאָס איז נישט וויכטיג, זאָג מיר בעסער, וואָס מאַכסטו? האָסט עפּעס געהאַט אַ פערטיידיגונג די טעג?..

מאַרקוס. ניין, אַזוי קלייניגקייטען ... קיין ריכטיג געשעפט איז נישט דאָ. (פויזע) ביי אונז דאָ איז היימישע געשעפטען?

זיגמונד. יאָ ... יאָ ...

מאַרקוס. פּאליא האָט זיך ווידער צוקריגט מיט יאשען?

זיגמונד. נו, ווי געוועהנליך ...

מאַרקוס. און זינאַ, האַ? צוריק צו ליעוואָ'ן, צו אזא אונמענש ... מען דאַרף זיי אָפּזוכען. אז דו ווילסט וועל איך עס טהון.

זיגמונד. ניין, זיי זיך נישט מטריח...

מאַרקוס. איך פערשטעה דיין צושטאנד, מיר פלעגען זיך אזוי לאנג צו דיר טשעפּען, ביז דו ביזט שוין מיעד געוואָרען פון אונז. מיר זעען שולדיג ... און דו ...

זיגמונד. (שלאגט איבער) צו וואָס טויגען דיר די זיסע ריידלעך.

מאַרקוס. איך זאָג דאָס וואָס איך פיהל.

זיגמונד. פריהער האָסטו נישט אזוי געפיהלט ...

מאַרקוס. ניין, ווייל איך בין געוועזען א טויטער מענש.

זיגמונד. און אַצינד ביזטו לעבעדיג געוואָרען?

מאַרקוס. יאָ, אצינד קען איך דענקען, ארבייטען. ליעבען און בעדויערען?

זיגמונד. וואָס-זשע האָט דיך לעבעדיג געמאַכט? (זשעניע קומט אריין, קוקט נישט אויף קיינעם, זעצט זיך צום רעמינגטאן ארבייטען. רחל בעליוט זי ביז צום טהיר, קוקט אויף בײדע זיהן נייגעריג און געהט אב. מארקוס גיט א קוק אויף זשעניען און שטעהט אויף, זיגמונד שטעהט אויף).

מאַרקוס. זיגמונד, זאָלסט וויסען, אז מיר, איז דיין פריינדשאפט זעהר טייער! (זיגמונד קוקט איהם אין די אויגען צו פערשטעהן ריכטיג וואס ער מיינט) מיר וועט וועה טהון אז דו וועסט זיך פון מיר אוועקקעהרען. (זשעניע לאזט אראפּ דעם קאפּ אויף די הענד, דאס זעהט קיינער ניט).

זיגמונד. ווער האָט דען דיר געזאָגט, אַז איך וועל זיך פון דיר אוועקקעהרען?

מאַרקוס. איך האָב דיר נור געוואָלט אַרויסזאָגען דאָס, וואָס ביי מיר אין האַרצען איז געווען. נו, איך וועל אַריינגעהן צו דער מאַמע, דערנאָך דאַרף איך פּאָהרען וועגען אַ געשעפט, לעבע וואָהל! (נעמט זיין האנד) זיגמונד! אַז עס וועט דיר זיין צו שווער, זאָלסטו... ניין, ניין, איך

זוייס אַז דו וועסט געפינען אין זיך מוט און קראַפט ... דו וועסט זיך קענען בעהערשען ... דו וועסט זיך פערטיעפען אין דער אַרבייט ... און ...

זיגמונד. וואָס טרייסט דו מיך פאַר די צייט ?..

מאַרקוס. (קוועטשט זיין האנד, נעמט איהם שטארק ארום און קושט איהם, גט א קוק אויף זשעניען און אב).

זיגמונד. וואָס איז דאָס מיט איהם? וואָס זענט איהר אַלע אַזוי ... עפּעס געפעלט מיר דאָס נישט ... איך הייב מיך אָן צו פיהלען ווי אַ קראַנקער וואָס אַלע קומען צו איהם געוואָהר ווערען, (זשעניע לאזט אלץ נידעריגער אראפ איהר קאפ) זשעניע, זאָג מיר, וואָס זאָל דאָס בעדייטען ? ...

זשעניע. (ס'איז איהר שווער צו ריידען) זיגמונד! דו האָסט אַזוי פיל געטהון פאַר מיינט-וועגען, און איך ... אַ, דאָס איז גרויזאַם!

זיגמונד. (לייגט זיין האנד אויף איהר פלייצע. מיט א שטילע נאר א פעסטע שטימע) זאָג מיר אַלעס אָפען, מיט אַ מאָל ...

זשעניע. ווי אַזוי זאָל איך דיר זאָגען, ווי זאָל איך דיר געבען צו פערשטעהן ? איך האָב קיין קראַפט.

זיגמונד. זשעניע, איך וואַרט ...

זשעניע. (נאך א קליינעם קאמפף, שטעהט אויף) הער מיך ... איך קען נישט און וויל נישט ווערען דיין פרוי ... (זיגמונד ערשטוינט) איך מוז ווערען זיין פרוי ...

זיגמונד. דו ... דו זאָגסט דאָס מיר ? .. שטעה! (נעמט זי אן מיט בידע הענד אים קאפ) צייג מיר דיינע אויגען ... דו האָסט זיך די גאַנצע צייט געזעהן מיט איהם, דו האָסט נישט פערגעסען פון איהם ... (פויזע) אַצינד פערשטעה איך אַלעס ... עס האָט ערוואַכט די ערשטע ליעבע, עס האָט אויפגעלעבט דאָס פריגע, דו ליעבסט איהם ... נישט מיך ... זאָג דאָס מיר אַרויס פריי און עהרליך ...

זשעניע. ניין, איך האָב דיך ליעב ... נור מיין האַרץ איז צוטהיילט געוואָרען ...

זיגמונד. צוטהיילט ?

זשעניע. יאָ, ווי עס וואָלט זיין צוויי טהיילען, איין טהייל אַ געזונטע וואָס ליעבט דיך, און די אַנדערע אַ קראַנקע וואָס ליעבט איהם ...

זיגמונד. ליעב, פאַרט ליעב!

זשעניע. יאָ, מיט אַ קראַנקע ליידהאַפטע ליעבע, איך האָב מיך געפלאָגט פאַר דיר און פאַר מיר, איך פיהל אַז דאָס איז שוידערהאַפט, נורט ייערער מיינער !.. פערשטעה מיך ... דו ביזט פאָרט שטאַרקער פון איהם, דו וועסט נישט פאַלען, דו וועסט נישט פערלוירען געהן, דו וועסט דאָס איבערטראָגען, דיך וועט קיין זאַך נישט צוברעכען; דו האָסט אַלעס, עהרע, רייכטום, ליעבע, און ער האָט גאָרנישט, איז דען דאָס גערעכטיגקייט ? ... דאַרף מען ביים שוואַכען צונעהמען די לעצטע שטיצע

און אַוועקגעבען דיר, דעם שטאַרקען, וואָס וועט קענען אָן דער שטיצע אויסקומען ?

זיגמונד. דו האָסט אַלעס געזאָגט ? אַצינד הער מיך אויס ! ווערהענד מיין ברודער האָט געלעבט אָן זאָרג. בעהאַלטענדיג זיך אונטער דער מאַמעס פאַרטוך, האָב איך געטראָגען אויף זיך דעם גאַנצען יאָך פון האָרעוואַניע, איך האָב זיך געשלעפּט מיט דעם גאַנצען כח... אַזוי ווי אַ פאַראַכאָד שלעפּט בארזשעס אַנטקעגען דעם שטראָם פונ'ם וואַסער. איך האָב פאַר זיך אויסגערייניגט דעם וועג וואָס איז שטענדיג געווען פערשמוצט מיט פליאָטקעס און אייגענע חובות, איך האָב זיך שטענדיג געבויעט אַיין אנשטענדיגעס לעבען און זיך פלעגען עס פערדאַרבען און צוטרעטען מיט די פיס, און אַצינד קומט זיך מאַרקוסעל, דאָס פער־דאָרבענע, פון קינדהייט אָן צובאַלעוועטער אינגעלע, וואָס האָט קיינמאָל נישט געוואוסט די האַנד אין קאַלטען-וואַסער אײַנצוטונקען... דער מאַר־קוס'ל בעווייזט אצינד רעכט אויף דיר, און נעמט צו בײַ מיר נישט נור די זעלע, נור מיין לעבען... וואו איז דאָ די גערעכטיגקייט ?.. ער איז שוואך... פאַר וואָס איז ער שוואך ? דערפאַר וואָס ער איז שטענדיג געזעסען אויף יענעמס פּלייצעס. הייסט אפשר די גערעכטיגקייט צונעהמען ביים שטאַרקען דאָס וואָס ער האָט ערוואָרבען מיט האָרעוואַניע, מיט מיה, און אוועקגעבען דעם שוואַכען ווייל ער איז שוואך ? וואו איז די גערעכטיגקייט ?

זשעניע. וואָס קען איך דיר ענטפער'ן אויף דעם? איך ווייס נור איינס, דאָס אָהן מיר איז דער טויט, פערשטעהסט ? דער טויט ? (רחל אין דער טהיר).

רחל. זשעניטשקע ! (ווייזט אז ער ווארט).

זשעניע. באלד, באלד. (רחל אב) אָט זיצט ער דאָרט און וואַרט אויף מיר און מוטשעט זיך, און זיין פלאגע גיט זיך מיר איבער און איך מוטשע זיך אויך, איך קען ניט זיין דאָ, אז ער וואַרט אויף מיר דאָרט (וויל געהן).

זיגמונד. געה נישט אוועק, איך בעט דיך (האלט זי איין).

זשעניע. איך קען נישט, איך קען נישט!

זיגמונד. (נאך א שטארקען קאמפף) נו... אז דו קענסט נישט... געה !..

רחל. (קומט אין טהיר) זשעניע, אין גאָטעס-ווילען ! ער ווערט שוין דאָרט ווידער משוגע.

זשעניע. (מיט א קראנקע אונגעדולדיגקייט) באַלד, אָט געה איך !.. (וויל געהן).

זיגמונד. שטעהט ! נעמט מיט אייער פאָרטפעל (גיט איהר).

זשעניע. צו וואָס ?

זיגמונד. איהר זאָלט זיך ניט דאַרפען אומקעהרען.

זשעניע. (ערשטוינט) זיך ניט אומקעהרען ?

זיגמונד. אונזערע וועגען צוגעהען זיך יעצט (פויזע).

זשעניע. (נעמט די פאפירען, די הענד ציטערן) איך האב דא ניט דערשריבען.

זיגמונד. (קאלט) נישט-קשה! פאליא וועט דערשרייבען.

זשעניע. און דא איז צוויי עקזעמפליארען.

זיגמונד. א דאנק... שעהן...

זשעניע. נו, דאכט זיך שוין אלעס...

זיגמונד. יא... גוט, א דאנק... (זשעניע געהט פערביסען די ליפען, בלייבט שטעהן ביי דער טהיר).

זשעניע. (גיט זיך א ווארף צו זיגמונדען מיט טרעהרען) און דו? דו וועסט בלייבען אליין? גאר אליין? טייערער מיינער, גוטער! אך, ווי מיר טהוט וועה דאס הארץ...

זיגמונד. אויב דו האסט זיך נור אומגעקעהרט דערפאר וואס דו האסט מיטלייד מיט מיר... האסטו זיך אומזיסט בעמיהט...

זשעניע. אומזיסט?

זיגמונד. יא! איך דארף נישט קיין מיטלייד, איך וועל דיר נישט דערצעהלען ווי מיר איז שווער, איך וועל נישט אויסוויינען ביי דיר מיין ליעבע, ניין! קענסטו מיר אוועקגעבען דיין הארץ אזוי ווי איך האב עס דיר אוועקגעגעבען... איז גוט, ווען נישט...

זשעניע. און ער? און ער?

זיגמונד. נו געה! געה צו איהם! און מיר זאלען זיך ניט בעגעגענען מעהר, דו הערסט?! קיינמאהל נישט!

זשעניע. קיינמאהל ניט?..

זיגמונד. איך וועל ארויסרייסען די ליעבע פון מיין הארץ, און וועל זיך צווינגען דיך צו פערגעסען.

זשעניע. דו קענסט פערגעסען? (וויל צוגעהן).

זיגמונד. (פעסט) געה פון מיר! איך קען נישט קוקען אויף די וואס וועגען זייער הארץ אויף וואגשאלען; איך דארף נישט אזא ליעבע, איך וואלט זיך אליין פערהאסט... געה, געה פון מיר...

רחל. (אין טהיר) זשעניע... וועה איז מיר... אין גאטעס-ווילען.

זשעניע. אדיע!! (שלינגענדיג די טרעהרען אב מיט רחלן).

זיגמונד. (געהט איבער'ן שטוב, בייסט די ליפען, צופט די בארד, גיסט זיך אן א גלאז וויין, טרינקט אויס, און זעצט זיך צום טיש און שרייבט... סטאטיא 638, ווײנט שטארק).

(פארהאנג פאלט).

6027

# ע"י בית מסחר ספרים של שלמה שרברק בווילנה

## יצאו לאור ספרי למיד חדשים:

א) **הדבור והקריאה** אלפא-בית וראשית ידיעת השפה עם חמש מאות ציורים מאת יעקב ליב תומרקין המחיר 40 קאפ'.

ב) **השפה העברית** אלפא-בית וספר ראשון אחר אלפא-בית. ספר למיד לקריאה ולכתיבה עם ציורים מאת נ. לידסקי וד. אייזנברג המחיר 35 ק'.

ג) **השפה והחיים** ספר מקרא ולמוד עם ציורים מאת אליהו לוין 40 ק'.

ד) **חריסתומתיה** מקורית מאת יהודא שטינברג וי"ב לבנר הוצאה שניה עם הוספות ותקונים רבים 90 ק'.

ה ו) **דקטנט** תורת הארפאגרפיה העברית ודקדוקה מאת א. הירשוביץ בשני חלקים ח"א 20 ק', ח"ב 30 ק'.

ז ח) **תרגילי הסגנון** ספר עזר להרצאה בכתב מאת יהודא גרזובסקי וי. יחיאלצוק, ספר המורה 20 ק', ספר התלמיד 30 ק'.

ט י) **חמר לתרגילים** בכתב ספר עזר להרצאה בכתב מאת נ. לוין בשני חלקים, חלק א' 30 ק', חלק ב' 60 ק'.

יא יב) **תבניות לתרגילים** בכתב מהנ"ל, ח"א 20 ק', ח"ב 30 ק'.

יג) **חריסתומתיה עברית** מאת נ. לוין וא"י פרידמאן 80 ק'.

יד) **שלחן ערוך** מקוצר ומבואר ומתורגם עברית ורוסית. הוצאה שלישית בהוספות מאת י"ב לבנר המחיר 50 ק'.

טו) **המזכיר** בעד התלמידים לרשם בו בכל יום את השיעורים בכריכה 25 ק'.

טז) **דקדוק חדש** מאת אפשטיין. המחיר —

**המכירה הראשית מספרי החכם יהושע שטינברג נמסר לבית מסחרי.**

יז) **חמשה חומשי התורה** עם **תרגום רוסי** ב"ח — 1 רובל. כ"ח 50 ק'.

יח) **חמשה חומשי תורה** עם **תרגום רוסי** ועם **מבוא** ולוח למקרי העתים ועם **באור עברי** לכתובים **ובאור רוסי** לעניני המדע בחקר דברי ימי הקדם ב"ח 2 ר' 30 ק'. ח"א 1 ר', ח"ב 1.30 ק'.

יט) **ספר יהושע** עם תרגום **רוסי** ועם **מבוא ושני באורים** כנ"ל 35 ק'.

כ) **ספר שופטים** עם תרגום **רוסי** ועם **מבוא ושני באורים** כנ"ל 35 ק'.

כא) **ספר שמואל א' וב'** עם תרגום **רוסי** ועם **מבוא ושני באורים** כנ"ל — 70 ק', כל ספר 35 ק'.

כב) **משפט האורים אוצר אנציקלופדיי ללשון הקדש** רחב ידים, מתרגם המלים ברוסית ואשכנזית (יכיל 864 עמודים מלבד המבוא) — 5 ר'.

כג) **אוצר המלים** רחב ידים **לשפת רוסית** בתרגום עברי לכל אופני הלשון וניביה — 3 ר' 50 ק'.

כד) **תורת שפת הקדש בשפת הרוסית** עם מאמרים להתחנך בתרגומם לעברית — 50 ק'.

כה) **תורת שפת ארמית** בשפת רוסית כנ"ל המחיר 50 ק'.

כל הספרים האלה מאושרים מועד המלומד שליד מיניסטריום להשכלת העם.

**מלבד ספרי הוצאותי נמצאים בבית מסחרי תמיד כל ספרי למוד ורומ"ל מכל התוצאות וכן כל הדברים השייכים למסחר הספרי'.**

בנ"נ אשלח בקבלי, דמי קדימה 15 פריצ. בערך מסכום הדרישה.

כתבתי: З. Ш. Сребepку, Вильно. Книжн. маг.